STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04515

GAYSTIGE ATOMEN

Bertha Wiernik

Permanent preservation of this book was made possible
by Ethel Rose Bolton
in memory of
her beloved husband, Saul Bolton

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

גייסטיגע אַטאָמען

אַ רעליגיעזע דראמא

אין אכט סצענעס

פון

בערטהא וויערניק

צווייטע אויסגאַבע

יצחק גרינבלאַט, פּרויסגעבער
ISAAC GREENBLATT, Publisher
P. O. BOX No. STATION B
NEW YORK 2, N. Y.

.1946

דאַנקזאָגונג.

●

דער אַרויסגעבער פיהלט זיך פערפליכטעט אויסצודריקען זיין דאַנקבאַרקייט און אַנערקענונג צו מר. אַרטהור שובאק, וועלכער האָט דורך זיין פערזענליכע אינטערעסע געמאַכט מעגליך דעם אַרויסגעבען פון דיזער נייער פיעסע. מיר האָפען דאָס אונזער אָבשאַצונג פון מר. שובאק׳ס מיטווירקונג וועט פיעל פערגרעסערט ווערען פון די לעזער פון דיזער דראַמא.

יצחק גרינבלאַט.

פאָרוואָרט.

„גייסטיגע אַטאָמען“ איז אַ דראַמע צום לעזען אַזוי גוט ווי צום שפּילען. אויף דעם ענגלישען דראַמאַטישען געביט ערשיינען הונדערטע דראַמעס אַ יאָהר בלויז צום לעזען. אַזעלכע דראַמעס צייכענען זיך אויס מיט זייער געדאַנקען און מיט זייער שפּראַך. אין אַ דראַמע צום לעזען ליגט די גאַנצע קראַפט אין דער דראַמע גופא, ווערענד אין אַ פּיעסע צום שפּילען ליגט אויף דעם שוישפּילער די אַרבייט אַנצוטהאָן די נשמה פון דער פּיעסע אין אַ קערפּער, אין חושים און גלידער.

אין אַ דראַמע צום שפּילען ליגט אַ העלפט פון דער דראַמע׳ס ערפאָלג אין דעם טאַלאַנט פון דעם שוישפּילער. אין אַ פּיעסע צום לעזען, איז דער ערפאָלג פון דער פּיעסע געבויט נאָר אויף דעם אוטאָרס טאַלאַנט.

פאַר דעם אידישען טהעאַטער פּובּליקום און אַל־געמיינעם לעזער, איז אַ דראַמע צום לעזען אַ נייע ליטער־אַרישע ערשיינונג. צו קאָנען אונטערהאַלטען אַ פּובּליקום אָהנע שוישפּילער, איז זיכער אַ שווערע אונטערנעמונג, אָבּער דער אַרויסגעבּער פון די „גייסטיגע אַטאָמען“ איז פאָלקאָם איבּערצייגט דאָס דיזע פּיעסע פערפאַסט פון די בּעוואוסטע ענגליש־אידישע דראַמאַטיסטין און שרייבּערין בּערטהא וויערניק, די שוועסטער פון דעם פערשטאָרבּענעם פּרץ וויערניק, ע״ה, וועט געוויס האָבען דעם ערפאָלג וועלכען עס פערדינט.

„גייסטיגע אַטאָמען“ איז אַ רעליגיעזע פּיעסע מיט אַ מיסטישען הינטערגרונט. עס איז אויך מיס וויערניק׳ס 23־טע דראַמאַטישע שאַפונג.

דער אַרויסגעבער.

פערזאָנען.

יוסף מאַמין—פיהרער פון אָרטהאָדאָקסישען יודענטהום אין די מיטעל-מערב שטאאטען פון אַמעריקא. (אין פּריוואט לעבען, א מיסטיקער).

סימור—זיין זוהן, א רייכער סוחר.

אַרנאָלד—סימור׳ס עלטסטער זוהן.

שלמה׳לע—זיין צווייטער זוהן.

דוד׳ל—א יתום, אונטער יוסף׳ס השגחה.

שמואל—יוסף׳ס יוגענד-פריינד.

נתן—דער שמש פון יוסף׳ס קלויז.

בערקע—יוסף׳ס משרת.

הערבּיס מאָסס—פּרעזידענט פון דער פעראיין "די נייע דענקער".

מייקעל גאָלדמאַן—סעקרעטער פון דער פעראיין.

פיינבערג—גאָלדמאַן׳ס פריינד.

ר׳ נחום—אַן אַלטעטשקער, מיט א שטעקען.

ר׳ משה—בּיים סטענדער אין קלויז.

א גרופּע תלמידים—קלויז טיפּען—אַן עולם צו שחרית—

דער פּערזאָנאַל פון "די נייע דענקער"—פאָלק, א. ז. וו.

קצור פון די סצענעס.

●

ערשטע סצענע—סימור׳ס וואוינונג.

צווייטע סצענע—יוסף׳ס קלויז.

דריטע סצענע—יוסף אין זיין ביבליאטהעק.

פיערטע סצענע—אַ גאַס. (צוויי טעג שפּעטער).

פינפטע סצענע—די זעלבע ווי סצענע 3.
(איין טאָג שפּעטער).

זעקסטע סצענע—דער לאָקאַל פון "די נייע דענקער".
(פינף שטונדען שפּעטער).

זיבעטע סצענע—דער הינטערגרונט פון יוסף׳ס וואוינונג
(צוויי טעג שפּעטער).

אַכטע סצענע—די זעלבע ווי סצענע 2.
(דריי טעג שפּעטער; לופט-ערשיינונג פון אַ
שטראָם גייסטיגע אַטאָמען).

צייט: דער פרילינג און זומער אין יאָהר 1945.

פּלאַץ פון האַנדלונג: שיקאַגאָ, איל.

★ ★ ★ ★ ★ ★

ערשטע סצענע.

———○○———

סצענע: די רייך-מעבלירטע וואוינשטוב אין סימור׳ס וואוינונג. רעכטס, זיצט סימור, לעזט א צייטונג. אין שטוהל לינקס, זיצט שמואל. פערטראכט.

* * * *

סימור. (לעגט אוועק די צייטונג) שמואל, שוין א פערטעל שטונדע אז איהר זיצט און קלערט. זאגט מיר, פריינד, וועגען וואס טראכט איהר?

שמואל. וועגען דער איצטיגער לאגע פון אונזערע ברידער אין אייראפא. עס יאגען זיך בלוטיגע וואלקענס איבער די הימלען פון דער אלטער וועלט, און שטיל, ווי מיט קעצעשע טריט שארט זיך פון דארט א פארגעפיהל פון פערניכטונג און אונטערגאנג.

סימור. גאט ווייס וואס פון מיין פאטער און פאמיליע וואלט געווארען, ווען ער אנטלויפט ניט פון דייטשלאנד מיט צעהן יאהר צוריק.

שמואל. אייער פאטער זארגט פיל מער וועגען די צוקונפט פון די אידען אויף יענער זייט ים, ווי וועגען זיין איצטיגען טרויעריגען צושטאנד.

סימור. איך ווייס עס. אבער די זארג און מיה פון איין מענש קאן ניט פערמיידען דעם אונגליק וואס דער שיקזאל האט בעשטימט פיר אלעמען.

שמואל. דעם מענשען׳ס גייסטיגע שטרעבונגען און דעם שיקזאל׳ס בעשטימונגען זיינען שטענדיגע געגנער. מיט די הילף פון גאָט קאָן דער מענש ענדערען זיין שיקזאל, אויב דער דאָזיגער מענש גלויבט מיט אַן אמת אַז גאָט קאָן און וועט איהם העלפען.

סימור. (שטעלט זיך) איהר קאָנט ניט געפינען צווישען טויזענדער אידען אַזאַ גלויביגער ווי מיין פאָטער. און זעט וואָס דער שיקזאל האָט פון אים געמאַכט. צוגענומען זיין ליבע פרוי, געטויטעט זיין ערשטען זוהן אין דער מלחמה, און פאַראַליזירט זיין לינקע האַנט.

שמואל. און דאָך איז ר׳ יוסף׳ס לעבען גאַנץ און פול. און דאָך זינגט זיין נשמה אין זיינע געזונטע גלידער. זיינע טיפזיניגע דרשות ברענגען הונדערטע נייע צוהערער אין זיין קלויז. ער ווערט יעצט בעט־ראַכט אַלס איינער פון די גרעסטע תלמידי־חכמים וואָס דייטשלאַנד׳ס האָט געבראַכט אין דער געבענטשטער לאַנד פון פרייהייט. זיין איינפלוס ברענגט צוריק די אַנטלאָפענע פון היגען יודענטהום.

סימור. ריכטיג. נאָך אַ לאַנגע דערוויטערונג פון אידיש־קייט, קום איך אויך צוריק מיט דער איבערצייגונג אַז דער טראַדיציאָנעלער יודענטהום איז דער איינציגער שליסעל צו דער טיר פון אונזער עקזיסטענץ. (זיצט).

שמואל. יאָ, די טיר פון גלייכגילטיגקייט וועלכע אונזערע ברידער האָבען אויפגעבויט צו פערמאַכען דעם

אַריינגאַנג צו אונזערע הייליגקייטען.

סימור. (שטעלט זיך) (ציהט זיין אוהר) שוין פינף דער זייגער און אַרנאָלד איז נאָך ניטאָ פון קאָלעדזש. (שפרייזט) איך בין זעהר בעזאָרגט וועגען מיין עלטסטען זוהן. איך בעמערק יעצט אַ גרויסע ענדערונג אין זיינע בעציהאונגען צו מיר און צו זיין פאַמיליע.

שמואל. די ענדערונג איז אַ גאַנץ נאַטירליכע. אַרנאָלד מאַכט יעצט זיין ערשטען אַרויסטריט אין דער וועלט, מאַכט זיינע ערשטע פערבינדונגען מיט וועלטליכע פּראָבּלעמען און אידעען.

סימור. זיכער, זיכער. (זיצט).

שמואל. (שטעלט זיך) אַלזאָ, מיט אידישע פּראָבּלעמען און אנשאואונגען איז ער גאַנץ אונבּעקאַנט. אָבּער אַ יונגער מאַן מוז האָבּען אידעען און אנשאואונ-גען. אויב ער האָט ניט קיין אייגענע, נעהמט ער אָן פרעמדע, און זיי, די פרעמדע אידעען, פּראָדוצירען די ענדערונגען.

סימור. אָבּער איך קאָן זיי ניט פערטראָגען. זיי אָטהעמען מיט פעראַכטונג צו מיר און צו מיין פאָטער. נאָך אַ גליק וואָס מיין פאָטער האָט איהם גרינדליך אויסגעלערענט אונזער גלות-שפּראַך, ווען ניט, וואָלטען זיי יעצט ניט געקאָנט רעדען אַ וואָרט איינעם מיט'ן צווייטען.

שמואל. האָט איהר ערוואַרטעט עס זאָל וואָס וואַקסען, ווען איהר האָט גאָר ניט פערזייהט?

סימור. מיין זוהן איז יונג און פרישע וואָרצלען לאָזען זיך

ליכט אַרויסרייסען. גראַדע מאַכט זיך מיר יעצט א געלעגענהייט אַרויסצורייסען די פרעמדע וואָרצלען וואָס מיין זוהן האָט אין זיך איינגע־פלאַנצט.

שמואל. (זעצט זיך) איהר מאַכט מיר נייגעריג. (עס הערט זיך טריט).

סימור. אייער נייגעריגקייט וועט באַלד בעפרידיגט ווערען. (אויפטריט אַרנאָלד מיט זיין הוט אין האַנט)

אַרנאָלד. העלאָו, פאָטהער. (געהט צום טיהר).

סימור. העלאָו, דאַרלינג סאָן. וואָרום בעגריסטו ניט אונזער אַלטען פריינד?

אַרנאָלד. אה, יעס. איך האָב אייך ניט בעמערקט. העלאָו, שמואל. (גיט איהם די האַנט).

שמואל. וואָס מאַכסטו אַרנאָלד. שוין איבער אַ חודש אַז איך האָב דיר ניט געזעהן. ווערסט העכער און שעהנער וואָס פון טאָג.

אַרנאָלד. איך דאַנק אייך פיר אייער קאָמפּלימענט, פריינד שמואל.

שמואל. וואו זיינען דיינע ביכער? טראָגסט דאָך זיי שטענדיג מיט זיך.

אַרנאָלד. ענטשולדיגט מיר, שמואל. איך אייל זיך זעהר. (פערנייגט זיך. געהט לינקס).

סימור. איין מינוט, אַרנאָלד. איך וויל מיט דיר עפּעס רעדען. זעץ דיך.

אַרנאָלד. (אונווילינג) אָל-רייט. וועהאָט איז איט? (זיצט).

סימור. (ציהט ארוים אַ קאָנווערט פון בוזים-טאַש). איך האָב געפונען דיזען בריף אין היינטיגען פּאָסט. ווען איך האָב דערזעהן ווער עס האָט דיר געשיקט דעם בריף, בין איך געוואָרען אַזוי איבערראַשט דאָס איך האָב פון אַנגסט דעם בריף געעפענט.

אַרנאָלד. עס איז זעהר ניט אַנשטענדיג צו עפענען יענעם׳ס אַ בריף. ווי קומסטו צו טאָהן אַזא זאַך פאָטער?

סימור. דאָס איז יעצט ניט די פראַגע. וואָס מיר אינטער-עסירט צו וויסען איז—ווען ביזטו געוואָרען אַ חבר מיט "די נייע דענקער"?

שמואל. וואָס העהר איך?

אַרנאָלד. (שמייכעלט). נאָך מיט פינף מאָנאַטען צוריק.

סימור. דער בריף ענטהאַלט אַן איינלאַדונג צו דעם צעהנטען יאָהרעס-פעסט פון דיזער אַטהעאיס-טישער און ראַדיקאַלער פעראיין. אַרנאָלד, איך וויל ניט אַז דו זאָלסט געהן צום דאָזיגען פעסט.

אַרנאָלד. (רוקט נערוועז דעם שטוהל). פאָטער, איז דאָס אַ בעפעהל?

סימור. ניין, מיין זוהן. עס איז אַ ביטע. דיין צייטווייליגע פערבינדונג מיט דיזער פעראיין זועט בלייבען אַ געהיימניס.

אַרנאָלד. (שטעלט זיך). צייטווייליג?

סימור. ווען דיזע געהיימניס וועט ענדעקט ווערען וועט עס פיהרען צו אַן עפענטליכען סקאַנדאַל.

אַרנאָלד. (לאַכט). ווהיי?

סימור. ווייל דו ביזט דער אייניקעל פון יוסף מאַמין, וועלכער איז יעצט דער אָפּיציעלער פיהרער פון די אָרטהאָדאָקסישע אידען אין מעריב-אַמעריקא. מר. מאָסס, דער פּרעזידענט פון דיין פעראַיין איז דיין זיידען'ס עפענטליכער שונא און האָט איהם שוין פיעל מאָהל אַטאַקירט אין זיין געלע וואָכענ-שריפט. פערשטעהסטו ניט אַז צו האָבען דיר אַלס מיטגליד אין זיין פעראַיין איז דער גרעסטער זיעג פאַר מר. מאָסס? פאַר דיין זיידען אָבער, מיינט עס פעררעטהאַ! עפענטליכע געגנערשאַפט פון זיין אייגענע בלוט. און דאָס איז צו וואָס מר. מאָסס ציעלט. ער וועט אָס ענדע דיר אַרויסשטעלען אַלס אַ פערראַטהער צו דיינע אייגענע ברידער און צו דיין זיידען. דערפאַר פערלאַנג איך אַז דו זאָלסט ניט געהן צום פעסט פון די "נייע דענקער".

אַרנאָלד. פאָטער, איך דענק אַז דו פערשטעהסט ניט דעם אונטערשייד צווישען קריטיק און שנאה. מר. מאָסס און זיינע מיטגלידער קריטיקירען רעליגיאָן אין אַלגעמיין, קריטיקירען זיי אויך יוסף מאַמין'ס רעליגיאָן.

סימור. ווי שענדליך דו בעפלעקסט זיך און דיין זיידע מיט אַזעלכע ווערטער! קריטיקירען רעליגיע—אַ נייע וועלטליכע בושה!

אַרנאָלד. (געהט לינקס). וואָס פיר אַ רעאַקציאָנער דו ביזט פאָטער. דיינע געדאַנקען געהערען צו דער פאַרשימעלטער, פערגאַנגענער וועלט.

סימור. שווייג, דו נאַרר!

שמואל. (שפּרינגט אויף אַלע ווײלע פון ערשטוינונג).
שרעקליך! שרעקליך!

אַרנאַלד. (ווייכער). לאַז זיך רעדען פאַטער. אַמעריקא איז אַ נייע וועלט און די פעראייניגטע שטאַאטען איז אַ יונגע לאַנד וואָס לאַזט ענטוויקלען נייע געדאַנקען. מיר האָבען אין דיזען לאַנד פרייע פּרעסע, פרייע רעדע און פרייע מיינונגען. וואָרום זאָלען מיר דיזע פרייהייטען ניט בּענוצען און מיט זייער הילף פערניכטען די אַלטע שעדליכקייטען אין דער מענשליכער געזעלשאַפט?

סימור. אַט דאָס איז דער גרעסטער אונגליק וואָס אונזערע אייגענע און פרעמדע שונאים ניצען אויס דיזע גאָלדענע פרייהייטען פיר שלעכטע צוועקען. אויסניצען פרייע רעדע צו פערשפּרייטען פער־ניכטונג, ראַסען־האַס און קלאַסען־קאַמפף, מיינט די פערוואַנדלונג פון דער בּרכה פרייהייט אין אַ קללה. די שונאים פון רעליגיע און פון ערפּאָלג און די שונאים פון דער רעגירונג געהען געוועהנליך האַנט אין האַנט. דער וועלכער איז אונטריי צו גאָט איז אויך אונטריי צו זיין לאַנד. נאָר גענוג וועגען דעם. איך ווידערהאָל מיין בּיטע אַז דו זאָלסט ניט געהן צו דעם פעסט פון די "נייע דענקער".

אַרנאַלד. לײדער קאָן איך דיין בּיטע ניט ערפילען. פליז, פאַטהער, גיב מיר מיין בּריף. מען וועט מיר ניט אַריינלאָזען צום פעסט אָהן די צייגענים פון דיזען בּריף.

סימור. נײן, דער בריף בלײבט בײ מיר.

ארנאלד. פאטער, צװינג מיר ניט צו פערלירען מײן רעספעקט פאר דיר.

סימור. מיר פאלגען די װעלכע מיר רעספעקטירען.

ארנאלד. אין יעדען מאן'ס לעבען קומט א צײט װען ער װיל מעהר ניט װערען דיקטירט פון זײן פאטער.

סימור. (געקרענקט). ארנאלד!

(אויפטריט שלמה'לע. שטעלט זיך נעבען שמואל'ן).

ארנאלד. איך װעל פאזיטיװ געהן צום פעסט און איך פארלאנג מײן בריף.

סימור. אט צוריים איך שוין דעם בריף אויף שטיקלעך. (שמואל שטעלט זיך. שלמה'לע, הינטער איהם).

ארנאלד. דאנ'ט פאטהער, אויב דו װעסט דיזען בריף צורײסען װעסטו — — װעסטו —

סימור. (הײזעריג). װעל איך—װאס?

ארנאלד. װעסטו חרטה האבען!

סימור. (מיט װעהטאג). איך?...איך װעל חרטה האבען? װארום? װאס װעסטו מיר טאהן? דו, מײן זוהן, װאס װעסטו מיר טאהן? װאס? — (פאלט אויפ'ן שטוהל, דער בריף פאלט ארויס פון זײן האנט — סימור הויבט עס אויף און לויפט ארויס פון צימער)

שלמה'לע. (לויפט צום פאטער). פאפא! װאס האט פאסירט? דערצעהל מיר, דערצעהל מיר. (װײנט. שמואל פיהרט איהם ארויס מיט געװאלד. פויזע).

סימור קומט צו זיך. זוכט דעם בריף. ענטוישט שפארט ער אן דעם קאפ אויף'ן ראם פון שטוהל. שלמה'לע קעהרט זיך שטיל צוריק און בעריהרט לייכט סימור'ן).

סימור. (האסטיג). ארנאלד! — אה, שלמה'לע. (ציהט איהם צו זיך).

שלמה'לע. טאטע, וואס קומט פאר צווישען דיר און ארנאלד?

סימור. ביזט צו יונג צו פערשטעהן.

שלמה'לע. טו דערקלער מיר, וועל איך פערשטעהן. איך בין שוין באלד 12 יאהר אלט.

סימור. מען דארף קינדער ניט דערצעהלען וועגען די שלעכטע זאכען וואס ערוואקסענע מענשען טהוען. זיי וועלען שפעטער אליין אויסגעפינען.

שלמה'לע. ווייסט, פאפא, איך האב רחמנות אויף ארנאלד'ן.

סימור. יא?

שלמה'לע. עפעס לעבט ער אזוי ווי ער וואלט געווען אליין אויף דער וועלט. און דוויל ניט ליידען ווען מען רעדט צו איהם.

סימור. אבער מיט דיר רעדט ער גאנץ אפט.

שלמה'לע. נאך מעהר ווי צו מיר רעדט ער צו זיך אליין. איך האב זיך איינמאל בעהאלטען הינטערן טיהר פון זיין צימער און געהערט ווי ער האט זיך אליין געפרעגט: "פון וואנען קומען מיר און וואוהין

געהען מיר?" איך בין אריינגעלאָפען און איהם געפרעגט ביי וועמען פרעגט ער די פראַגע, האָט ער מיר געענטפערט אז — — אז —

סימור. (נייגעריג). אז? — —

שלמה'לע. אז יעדער מענש פרעגט זיך אַליין אָט די פראַגע טויזענד מאָהל אין זיין לעבען, און אז יעדער דענקענדער מענש ענטפערט די פראַגע אויף זיין אויפ'ן. אָבער העהר וואָס איך האָב איהם געענטפערט.

סימור. וואָס מיין קינד?

שלמה'לע. אז ווען ער וועט קומען אויף דער אמת'ער וועלט וועט דער בורא אַליין איהם געבען דעם ענטפער אויף דיזער פראַגע.

סימור. (קושט איהם). האָסט איהם געגעבען דעם אמת'ן ענטפער. נאָר דער בורא אַליין קאָן ענטפערען דיזע פראַגע.

שלמה'לע. אָה יעס, פּאַפּאַ, איך האָב גאָר פערגעסען. איך וויל דיר וואָס ווייזען. (ציט אַרויס אַ צוקנייצטען בויגען פּאַפּיר פון קעשענע). איך האָב נעכטען אָוועגד געפונען דיזען פּאַפּיר אונטערן פענסטער פון אַרנאָלד'ס צימער. די האַנדשריפט איז זיינע, אָבער איך קאָן עס ניט לעזען.

(יוסף קוקט אַריין דורך'ן פענסטער לינקס)

סימור. (גרייפט האַסטיג דעם פּאַפּיר). וואָס שרייבט ער דאָ? (לעזט אין דערהויך). "די מענשהייט אַליין האָט בעשאַפען רעליגיע און עס פערוואַנדעלט אין דעם גלויבען אין אַ געהיימע קראַפט. און די

מענשהייט האָט אויסגעקלערט אַ כשוף'דיגען נאָמען פאַר דיזער ניט-עקזיסטירענדער קראַפט-בעשעפער! דער נאָמען מיט וועלכע די מענשהייט האָט זיך אַליין (שטעלט זיך) פער'שכור'ט. (לעזט שנעלער). אונזער גרויסער לערער מאַסס דערקלערט אַז די איינציגע און אמת'ע קראַפט אין יוניווערס איז די נאַטור. נאָר זי ווייזט אונז דעם "ווי", דעם "וואו" און "וואָס" פון אַלע ענדעקטע זאַכען. (צוטראַגען). אָבער די נאַטור זאָגט ניט איין וואָרט וועגען דעם "וואָרום" פון אַלעס וואָס עקזיסטירט. זי זאָגט ניט, ווייל — ווייל עס איז ניטאָ קיין "וואָרום". ווייל אַלץ איז צייט-ווייליג, צוועקלאָז און פערגעהט ... (לעזט ווייטער מיט אַ ציטערענדע שטימע). אַזוי איז אויך דעם מענשען'ס גלויבען אָהן אַ זין, אָהן אַ צוועק — עס איז געקומען און וועט פערגעהן ... (זיינע בליקען וואַנדערן איבערן צימער). מיין גאָט, וועלכע ווערטער, יוסף מאַמין'ס אייניקעל אַ גאָט-לעסטערער! קיין אַנדער מענש טאָר דיזען שריפט ניט זעהן. עס מוז מאָמענטאַל פערניכטעט ווערען, דאָ אין צימער. (לויפט צום שאַך-טישעל לינקס). גרויסער נאַרר, די נאַטור אַליין איז דאָך אויך אַ בעשאַפונג פון גאָט!

שלמה'לע. (לויפט אים נאָך). טאַטע, וואָס איז מיט דיר? זעהסט אויס אַזוי שרעקליך.

(יוסף בעטרעט דעם צימער אונבעמערקט פון ביידען).

סימור. איך מוז דיזען פּאַפּיר שוין פערברענען. און קיינער אויסער דו און איך טאָר ניט וויסען אַז איך האָב עס געטאָהן, און אויך ניט אַז דיין ברודער האָט וועז געשריבען אַזעלכע ווערטער. מיר מוזען אויף אייביג שווייגען וועגען דעם.

שלמה׳לע. געוויס טאַטע, וועלען מיר שווייגען.

סימור. (ציהט אַרויס אַ סיגאַרעט-אָנצינדער און צינד אָן דעם פּאַפּיר לאָזענדיג עס פאַלען אויף׳ן שאַך-טישעל). גיכער-פערשלים די טיהר.

שלמה׳לע. (קערט זיך אום. אַ פרייד בעלייכט זיין פּנים). טאַטע! זעה ווער עס איז דאָ! דער זיידע — מיין טהייערע זיידע! (לויפט צו יוסף׳ן און קושט זיין רעכטע האַנט. שטעלט איהם אַ שטוהל).

סימור. (פערשטעלט דעם שאַך-טישעל מיט זיין רוקען. פּרובירט מיט די הענט דערשטיקען די פלאַמען). ברוך-הבא, ליעבער פאַטער. דיין קומען צו מיר ברענגט פרייד אין מיין האַרצען און ליכט אין מיין הויז.

יוסף. (זעצט זיך). דו נויטיגסט זיך יעצט אין בּיידע, מיין זוהן. היט זיך סימור, דו וועסט נאָך פערברענען די הענט. זאָל דאָס פּאַפּיר אין גאַנצען פערברענט ווערען. אַזעלכע געדאַנקען מעגען אַוועק געהן מיט׳ן פייער.

(סימור און שלמה׳לע קוקען איהם אָן איבערראַשט. און)

די סצענע פערגעהט.

——oo——

צווייטע סצענע.

(אויף מאָרגען נאָכמיטאָג).

* * * *

סצענע: יוסף'ס קלויז. די בענק זיינען בעזעצט מיט בעזוכער וועלכע קוקען אריין אין ספרים. אין הינטערגרונט, נעבען ארון קודש ברענט א מנורה. אין פאָרגרונט רעכטס א לאַנגער טיש אַרום וועלכען עס זיצען א גרופע תלמידים אין עלטער פון 17 ביז 21 יאָהר. אויבען אָן ביי דעמזעלבען טיש זיצט דוד, לינקס, שטאַרק פערטראַכט. ער שלאָגט אָפּ מיט זיין שעהנער פּערזענליכקייט. אין פאָרגרונט לינקס, א הויכער סטענדער אויף וועלכן עס ליגט אַן אָפענער תנ"ך. אין מיטן וואַנט רעכטס, א הויכע פּלאַטפאָרמע אויף וועלכען עס שטעהט א טיש מיט א פּאָטערליכען שטוהל. דער טיש איז בעדעקט מיט א פּלושענעם טיש-טוך. אין קלויז הערשט א הייליגע שטילקייט. דורך די אָפענע פענסטער לינקס שיינען אריין די שטראַלען פון דער פערגעהענדער זון.

ר' משה. (ביים סטענדער). הייליגע שריפטען, אייערע אייביגע ווערטער אטהעמען מיט סודות. וואָס מעהר איך קאָנצענטריר מיינע געדאַנקען אויף אייך, אַלץ דייטליכער און ליכטיגער ווערט מיר די אויפקלעהרונג וועגען דעם מענשען'ס צוועק אויף דער ערד.

אַ תּלמיד. (בּיים לאַנגען טיש). עס איז פאַראַן אין דעם מענש אַ געהיימע קראַפט וואָס טרייבט איהם צו דערגרייכען יענע הויכע מדרגות פון וועלכע ער איז נאָך אַזוי ווייט.

אַ 2-טער תּלמיד. לאַנג, לאַנג פאַר תורת משה האָט שוין די וועלט געגלויבט אין גאָט.

ר' משה. אמת. אמונה האָט זיך אָנגעפאַנגען מיט אדם הראשון. ווער קלערט אין דעם מענשען? ווער רעדט אין איהם? ווער קוקט דורך זיינע אויגען? די אייגענשאַפטען פון בורא.

אַ 3-טער תּלמיד. (מאַכט צו זיין ספר). ספרים, זיי לערנען, זיי דערצעהלען, זיי פּרובירען דערקלערען, אָבער זיי שליכטען ניט די אייביגע רעטעניש פון לעבען.

דוד. שווייג, דו נאַר. דער מענש וועט קיינמאָל ניט בעגרייפען די וועלט אין איהר גאַנצקייט.

ר' משה. (קוקט אויף די תלמידים מיט ליבשאַפט). יונגע תורה־טרעגער. איהר זייט דאָך דער וויכטיגסטער עלעמענט אין דער אידישער געזעלשאַפט. איהר האַלט אויף אונזער עקזיסטענץ ווייל אונזער מאַכט ליגט אין אונזער אמונה. האָט אין זינען אָט דעם פאַקט. דאָס לעבען אויף דער ערד פרעגט ניט קיין פראַגען און גיט ניט קיין ענטפערס. עס איז פאַראַן אַ העכערעס לעבען אין אונבעגרייפליכען רוים. נאָר אונזער נשמה דערגרייכט יענעם שטח...ווייל פון יענעם שטח קומט זי צו אונז.

(אויפטריט ר' נחום, 60 יאָהר אַלט. ער טראָגט אַ הוט מיט אַ ברייטען ראַם, ווי אויך אַ שטעקען).

ר׳ משה. (געהט איהם אנטקעגען). שלום עליכם, ר׳ נחום, אן אמת׳ער גאסט.

ר׳ נחום. עליכם שלום, משה. שוין געווארען א ביסעל שווערלעך דער געהן. אז די ביינער פאנגען אן רעדען בלייבט מען שטעהן, הע, הע, הע.

ר׳ משה. וואס פיר א שפראך רעדען די ביינער, ר׳ נחום?

ר׳ נחום. די ביינער רעדען די רהומאטישע שפראך און מיינע ביינער רעדען אט דעם לשון זעהר געלויפיג. אפילו ווען איך שלאף שווייגען זיי אויך ניט און איך כאפ זיך אויף פון זייערע קולות.

ר׳ משה. (נעהמט איהם ביים האנט). זעצט אייך ביי יענעם טיש. איהר האט דאך ליעב די יונגווארג.

ר׳ נחום. א שעהנעם דאנק אייך, ר׳ משה. אבער צוערשט וויל איך זעהן וואס מאכט אונזער טהייערער ר׳ יוסף. שוין צוויי וואכען איהם ניט געזעהן.

ר׳ משה. געהט געזונטערהייט. איך וועל אייך בעגלייטען צו זיין טיר. (פיהרט איהם אין הינטערגרונט).

ר׳ נחום. (שטעלט זיך אפ און בעטראכט דעם עולם). קיין עין הרע א גרויסער עולם היינט אין קלויז. אידען קומען צוריק צו דער תורה. שווער צו פערגעסען א לעהרע וועלכע מען טראגט אין זיך שוין פון טויזענדער יאהרען. שווער צו ווערען פערפרעמדט פון דעם...עס ציהט, עס רופט און מען קומט צוריק, הע, הע, מען קומט צוריק. (עפענט די טיר און פערשווינדט. פויזע).

דוד. (מיט דראַמאַטישע פּלעצליכקייט). אה, ווען איך וואָלט נאָר געקענט ענטפּלעקען די שמערצליכע פערלאַנגונגען פון מיין נשמה צו אַן אנדער נשמה.

אַ לערנער. דענקענדע מענשען דעבאַטירען דאָס לעבען מיט זייער אייגענע נשמה.

דוד. (פערקלערט). אייביגע אמונה, מיר ליעבען דיר און פערגעסען דיר. מיר ענטלויפען פון דיר, און קומען צוריק צו דיר. מיר טהוען דיר אָן אין טויזענדער קליידער, מיר שטעלען דיר פאָר אין הונדערטע געשטאַלטען, אָבער דו לעבסט אריבער אַלע ענדערונגען און דו ערשיינסט פאַר אונז ווידער אין דיין בעצויבערענדען געשטאַלט און שעהנ־הייט, אָנגעטאָהן אין דיינע נאַטירליכע קליידער: אין די סודות פון דיין געוועלטיגקייט איבער דעם מענש.

אַ תלמיד. געוועלטיגקייט...פון וואַנען קומט עס?

דוד. (קוקט סטאַר אין דער לופט). אַט זעה איך ווידער די קעטען פון וואָלקענס, די קראַנצען פון ליכט־בלומען טאַנצענדיג אין דער לופט. (שטעלט זיך, געהט לינקס, אייניגע געהען איהם נאָך). הערט מיך אוים איטליכער. נעכטען פּונקט אום האַלבע נאַכט—האָב איך געהאַט אַ חלום.

2-טער תלמיד. אַהאַ. שוין דער צעהנטער חלום זיינער. (לאַכט צו די תלמידים. זיי קוקען איהם אָן מיט בייזע בליקען).

דוד. ווען איך האָב ערוואַכט, האָב איך דערפיהלט מיט מיינע חושים אַזוי גוט ווי מיט מיין שכל דעם אמת

וואָס דער וואונדערליכער חלום האָט ענטהאַלטען.
(טרעט פאָרווערטס. דראַמאַטיש). איך זעה אַ
סצענע טויזענדער מיילען וויט, און דאָך האָב איך
די סצענע כמעט ווי אָנגעריהרט מיט מיינע הענט.
אַ שיף געמאַכט פון ווייסע וואָלקענס איז פלוצלונג
ערשינען אויף׳ן נאַכט־ים פון דער וועלט—אויף׳ן
טיף־בלאָען הימעל. די שיף איז געטריבען
געוואָרען פון פאַרפיומטע ווינטען און איז געווען
בעלויכטען פון מיליאַרדען שטערן.

3-טען תלמיד. מיליאַרדען שטערן!

דוד. די שיף האָט געזעגעלט מיט די שנעליגקייט פון אַ
בליץ און דאָך אָהן שום רויש, לאָזענדיג הינטער
זיך ליכט־פאַסען פון הונדערטע קאָלירען, וועלכע
האָבען זיך פאַרמירט אין קראַנצען פון ליכט־
בלומען און האָבען פערזיסט מיט זייער ריח דעם
גאַנצען הימעלס־רוים.

4-טער תלמיד. ווי גרויס איז דער הימעלס־רוים?

דוד. פלוצלונג האָט זיך די וואָלקען־שיף אַראָפּגעלאָזט
נאָהענט צו דער ערד. אויף׳ן דעק פון שיף זיינען
ערשינען טויזענדער מלאכים וועלכע האָבען גע־
טראָגען אויף זייערע פליגלען אַ לאַנגען גאָלדענעם
בריק. (די בחורים קוקען זיך אָן). עס האָט
פלוצלונג אַ בליץ געטאָהן ווי מיט הונדערט זונען,
און דער גאָלדענער בריק אָנגעטאָן אויף זילבערנע
קעטען האָט זיך לאַנגזאַם אַראָפּגעלאָזט אויף דער
ערד. אין וועניגער ווי אַ סעקונדע זיינען די
מלאכים און די שיף פערשוואונדען אין דער
טיפעניש פון דער נאַכט. דערנאָך — —

איינינע שטימען. דערנאָך?

דוד. (טרעט מעהר פאָרוועררטס). דערנאָך האָט מיר אַ מלאך אויפגעהויבען און מיר אַראָפּגעלאָזט אין דערמיט פון גאָלדענעם בריק. דער מלאך איז פערשוואונדען און מיינע אויגען האָבען דערזעהן אַ גרויסען טאָץ געמאַכט פון ברילליאַנטען.

אַלע. ברילליאַנטען ! !

(נאָך איינינע בחורים נעהערען זיך צו דוד׳ן).

דוד. אַלע קאָלירען אין דער וועלט האָבען זיך געשפּיגעלט אין דעם טאָץ. אין דערמיט פון טאָץ איז וואָס געלעגען אָנגעטאָהן אין אַ ווייס־אַטלאָס מענטעלע, בעזעצט מיט דימאַנטען.

אַלע. דימאַנטען ! !

דוד. פּלעצליך האָט זיך אַראָפּגעלאָזען אויף׳ן מיטען בריק אַ הויכער סטענדער געמאַכט פון הוילע רובינען.

איינינע. רובינען ! !

דוד. דער ברילליאַנטענער טאָץ האָט זיך פון זיך אַליין אויפגעהויבען און זיך אַראָפּ געלאָזט אויף דעם רובינענעם סטענדער. דאָס ברילליאַנטען־בעזעצטע מענטעלע האָט פון זיך אַליין זיך אַרונטער־געצויגען, און איך האָב דערזעהן —— די תורה !

אַלע. (שטעלען זיך אויף). די תורה ! !

דוד. (נעהערט זיך צום פאָרגרונט). פון זיך אַליין האָט זיך די תורה פערנאַנדער געוויקעלט. יעדער אות האָט זיך פערוואַנדעלט אין אַ שטראַהל. עס האָבען זיך

פלוצלונג בעוויזען טויזענדער כרובים מיט פידלען. זיי האָבען אָנגעפאַנגען שפּילען און טויזענדער מלאכים האָבען זיך צוטאַנצט אין וועלט־רוים. עס איז ערשינען אַ רעגענבויגען אויף וועלכען עס האָבען געפינקעלט די פאָלגענדע פלאַמען־קאָלירטע ווערטע: "אַט אַזוי פייערט די אייביג־קייט דעם געבורט פון דער תורה". (אַ הייליגע שטילקייט פאַלגט. דוד געהט לינקס). איך האָב זיך אויפגעכאַפּט און דערזעהן אַז עס טאָגט שוין. (צו די פערזאַמעלטע). פערשטעהט איהר אַלע דעם בעדייטונג פון מיין חלום? די תורה האָט געבראַכט דעם טאָג אויף דער וועלט...ליכט, ליכט, די תורה ברענגט ליכט ... (אַלע שטעהען ווי פער'כשופ'ט).

(אויפטריט בערקע מיט ראש).

בערקע. וואָס איז דאָ, האַ? וואָס שטעהט איהר עפּעס אַלע אין איין קופּע האַ? וואו איז נתן? עס איז דאָך שוין מנחה־צייט. אַלץ לאָזט ער אויף דער לעצטער מינוט. (קיינער ענטפערט ניט).

(אויפטריט נתן. בעטרעט די בימע).

נתן. (גיט אַ קלאַפּ אין עמוד). מיר וועלען דאַוונען מנחה.

אַלע. "אשרי יושבי ביתך — — — — — — — " (עס דונקעלט אין פאָדערסטען טהייל פון ביהנע. אין הינטער־גרונט פערגעהט די וואַנט און עס לאָזט זיך לאַנגזאַם אַראָפּ אַ בריק אויף קעטען, בעלויכטען מיט פאַנטאַסטישע ליכט).

די סצענע פערגעהט.

———oo———

דריטע סצענע.

——oo——

סצענע: יוסף'ס ביבליאָטהאַק צימער. די לבנה-שיין שטראַמט אַריין דורך דעם דאַך-פענסטער, און בעלייכט די גלעזערנע פאַליצעס וועלכע פאַר־שטעלען די ווענט. אין וואַנט לינקס אַ מיטעלטיר. אין וואַנט רעכטס, נאָך אַ טיר און אַ פענסטער. אין פאַרגרונט לינקס, אַ טיפער ווינקעל אין וועלכן עס שטעהט אַ קינסטליך געשניצטער זייגער מיט אַ הויכען קאָפּ געמאַכט פון מירמעלשטיין. אין מיטען צימער, נעבען אַ טהייערען שרייב-טיש, בעלויכטען פון אַן עלעקטרישען לאָמפּ זיצט יוסף. ער שיינט צו זיין אין אַ היפּנאָטישען צושטאַנד. אין צימער רוהט אַ הייליגע שטילקייט. ווייטע מוזיק טענער פער'כשוף'ען די סצענע.

יוסף. (דענקט). איז דער מענש אַ שליח פון גאָט,
האָט דאָך זיין שליחות ניט קיין סוף.
איז דער מענש אַ משרת פון גאָט,
האָט דאָך זיין בעדיענונג ניט קיין סוף.
איז דער מענש אַ זוכער פון גליק —
לאָזט איהם גאָט זוכען טאָג און נאַכט —
איז דער מענש דער קעניג פון ערפאָלג —
האָט דער שיקזאַל איבער איהם ניט קיין מאַכט.
(פּויזע). שטילקייט פון דער נאַכט, איך האָב דיך ליעב. דו ברענגסט מיר געטליכע געדאַנקען, דו פערטרייבסט פון מיר דעם רויש פון מיין טעגליכען דאַזיין. (שטעלט זיך. געהט צום זייגער. נעהמט אַרויס פון קאָפּ אַ רונדע קעסטעלע, שטעלט עס אויף'ן טישעל נעבען זייגער. (דענקט). אַלע

שלאָפען שוין, קיינער וועט מיר יעצט ניט שטערען. (עפענט דאָס קעסטעלע).

(אויפטריט דוד. בלייבט שטעהן נעבען טיהר).

יוסף (רעדט שטיל). שטויב פון מיינע ספרים. שוין דריי יאָהר אַז איך זאַמעל אייך · אין דיזער קעסטעלע. איהר ענטהאַלט בלויז דעם אָנפאַנג פון מיין טהעאָריע. איך וויל בעווייזען אַז איהר בעזיצט יעצט עטוואָס גייסטיגעס, ווייל איהר האָט אין זיך אַריינגעצויגען קליינע טהיילכעלעך פון די געדאַנקען וועלכע געפינען זיך אין מיינע ספרים. איך וויל בעווייזען אַז דעם פּערפעסער'ס געדאַנקען לעבען אין דעם בוך אין וועלכען זיי זיינען געבונדען, דערפאַר ווירקען זיי אויף דעם לערנער אָדער-לעזער וועלכער קומט מיט זיי אין גייסטיגען בעריהרונג. (בעגט זיך איין איבערן קעסטעלע. זיין געזיכט ווערט בעלויכטען. גלייכט זיך אויס און שפרייזט איבערן צימער. דוד רוקט זיך טיעפער אין צימער. יוסף דענקט). אָבער דער עיקור, פון וואָס בעשטעהען די מענשליכע געדאַנקען און ווי קומען זיי צו אונז? אָט די פראַגן וויל איך מיט מיין טהעאָריע ענטפערען. (שפרייזט שנעלער). ווי וועט די וועלט עמפפאַנגען מיין טהעאָריע? וועט זי עס אויסלאַכען ווי זי לאַכט אוים אין אָנפאַנג אַלע טהעאָריעס וואָס ווערען אָם ענדע ווירקליכקייטען? זאָל געשעהן וואָס עס וויל, אָבער די צייט נעהערט זיך ווען איך מוז מיין טהעאָריע ענטפלעקען. (געהט רעכטס). צוערשט אָבער, מוז איך עס ענדעקען צו איין מענש. ווער און וואו איז אָט דער איין מענש? (זעצט זיך ביים שרייב-טיש. פויזע).

דוד. (נעהערט זיך). ר׳ יוסף — —

יוסף. ווער איז דאָ? ווער רעדט עס?

דוד. איך — אייער דוד.

יוסף. (צופרידען). מערקווירדיג, איך האָב ניט דערקענט דיין שטימע. ווען ביזטו אריינגעקומען?

דוד. (נעהערט זיך). אונגעפעהר מיט אַ פינף מינוט צוריק.

יוסף. און דו האָסט געהערט וואָס איך האָב גערעדט?

דוד. יעדען וואָרט, ר׳ יוסף. עפּעס האָט מיך יעצט אויפגע־וועקט און ווי מיט אַן אונזעבּאַרע האַנט אריינגע־פיהרט אַהער. האָט איהר פערדרוס וואָרום איך האָב געהערט וואָס איהר האָט גערעדט?

יוסף. יאָ און ניין.

דוד. (טהוט אַ לאַף צו איהם). אַה, ר׳ יוסף, מיין ערציהער, מיין לעהרער, מיין וועגווייזער. ווי טהייער דאָס לעבען איז בּיי יעדען מענש, זייט איהר ביי מיר נאָך טויזענד מאָהל טהייערער.

יוסף. איך ווייס עס. זעץ דיך.

דוד. (זיצט). ווי נויטיג עלטערען זיינען פאַר קינדער, זייט איהר נאָך פאַר מיר טויזענד מאָהל נויטיגער. יעדען טאָג טהו איך תפילה צו הקדוש־בּרוך־הוא פאַר דעם חסד וואָס ער האָט מיט מיר געטאָן און מיר אַלס קינד געבּראַכט אונטער אייער דאַך.

יוסף. (גלעט דוד׳ס קאָפּ). אויך דאָס ווייס איך.

דוד. וואו וואָלט איך געפונען נאָך אזא דענקער ווי איהר זייט, נאָך אזא חריף און חקרן? ווי די זון הענגט אין הימעל אזוי הענגט אייער חכמה פאַר מיינע אויגען און בעלייכט מיר די וועגען אויף וועלכע איך געה.

יוסף. און וואו, וואו וואָלט איך געפונען נאָך אזא פיהלע־זאַפישען משורר ווי דו ביזט? דיינע שירים בעצויבערען מיר.

דוד. (שטעלט זיך). און וועה, ר׳ יוסף, ווייס אזוי פיעל רוחניות׳דיגע סודות ווי איהר ווייסט? אָפט ווען איך בין מיט אייך אליין און בעטראַכט אייך פון וועיטען, דאַכט זיך מיר אז אויף אייער פנים שיינט א פרעכטיגע ליכט, די ליכט וואָס שלאָגט אָפּ פון אייער נשמה.

יוסף. ווען האָסטו לעצטענס געזעהן די דאָזיגע ליכט אויף מיין פנים?

דוד. פריהער, ווען איהר זייט געשטאַנען ביים קעסטעלע שטזיב. איהר האָט דאַן אויסגעזעהן ווי א מענש וועלכער טראָגט אין זיך א סוד וועלכען גאָט אליין האָט איהם פערטרויט.

יוסף. (שטעלט זיך). ש—ש—היט זיך וואָס דו רעדסט. (כאַפּט דוד ביים האַנט און לויפט מיט איהם צום קעסטעלע). בעג זיך איין איבערן קעסטעלע. (דוד פאָלגט איהם. זיין געזיכט ווערט בעלויכטען). יא, מיין טהעאָריע איז ריכטיג! ווען א הויך־דענקענדער מענש בעגעגענט נאָך א הויך־דענקענדען מענש דערקאָנען זיי זיך אָן די ליכט פון זייערע נשמות. (בעטראַכט אים מיט פורכט).

יאָ, עס איז אזוי גוט ווי זיכער! דו ביזט דער מענש וועלכען איך דאַרף יעצט. דיר האָט דער השם יתברך צו מיר געשיקט מיט פּופּצעהן יאָהר צוריק, ווייל עס איז אין הימעל פאַראויסגעזעהן געוואָרען די איצטיגע שטונדע. — —

דוד. אין וועלכע איך וועל שטעהן, פּנים אל פּנים מיט אַ שליח פון די גייסטיגע וועלטען!

יוסף. (סודות'דיג). דו ווייסט? דו פערשטעהסט?... (נאַטירליך). אָט דאָס איז טאַקע יעדער דענקער, קינסטלער און וויסענשאַפטסמאַן (געהען צום שרייב-טיש). אַ שליח פון די גייסטיגע וועלטען, נאָר די אונגלויביגע ווילען דיזען הימלישען אמת ניט אַנערקענען. (זעצען זיך).

דוד. פילע גלויביגע האַלטען אַז פהילעזאָפיע און וויסענשאַפט שטרעבען אַפצושוואַכען אמונה.

יוסף. ניין, זיי זיינען בלויז די מיטלען צום צוועק. זייער אויפגאַבע איז צו ענדעקען די עלעמענטען וועלכע שטעלען צוזאַמען דעם בורא'ס בעשאַפונגען. אָבער זייערע מאַטעריעלע מיטלען צום צוועק קאָנען ניט אַרבייטען אָהן די הילף פון גייסטיגע ענערגיע. (שטעלט זיך און שפּרייזט איבערן צימער). דער גרויסער סוד איז ווי פערבינדט זיך מעכאַנישע ענערגיע מיט גייסטיגע ענערגיע? ווי זיי בינדען זיך אָפּ ווייסען מיר שוין. דער טויט צושיידט ביידע קרעפטען.

דוד. ר' יוסף, איך העהר אין דיזע מינוט ווי אַן אָנזאָג אַז — — אייער טהעאָריע האָט גענוג קראַפט צו

שטעלען די גאַנצע וועלט אונטער אייער השפּעה — ווייל איהר אַליין אַרבּייט אונטער דעם איינפלוס פון דער. געטליכער השפּעה.

יוסף. (געטראָפען). ווי קומט צו דיר דיזער געדאַנק? האָט זיך עם דיר גע׳חלום׳ט?

דוד. ניין, מיין טהייערער לעהרער, איך זעה עם אויף׳ן וואהר.

יוסף. (קוקט אויף דוד׳ן מיט פער׳חלום׳טע בּליקען). (דענקט). ווידער תּהר איך מיט מיין שכל די שטימע פון מיין נשמה. זי זאָגט: „פערטרוי זיך אין איהם. בּערייך איהם אַלס דער ערשטער תּלמיד פון דיין טהעאָריע. ער וועט זיך פערדאייבּיגען. (זעצט זיך). דוד, די אונזעבּאַרע האַנט וואָס האָט דיר יעצט אַריינגעפיהרט אין מיין צימער האָט עם געטאָן מיט אַ ציעל. דו בּיזט דער אויסערוועהלטער פאַר וועמען איך וועל ענדעקען מיין טהעאָריע — דערפאַר בּיזטו יעצט געקומען צו מיר. גייסט ציהט צו גייסט מיליאָנען מאָהל שטאַרקער ווי עם ציהט זיך צו מאַטעריאַל — און מיין טהעאָריע איז אַ גייסטיגע. יעצט העהר מיך אוים מיט דיין שכל. (שטעלט זיך הינטער דוד׳ן. פאַנטאַסטישע ליכט פאַלט אויף זיין פיגור. דוד בּלייבּט אין שאַטען). אין אַ געזויסען טאָג האָבּען וויסענשאַפטס לייט ענדעקט אַז אַלע וועלט-קערפּערס אין מאַטעריעל-נעם יוניוועריזום בּעשטעהען פון מיקראָפּישע טהיילכעלעך וועלכע קאָנען שוין מעהר ניט געטהיילט ווערען.

דוד. (שטיל). קאָנען שוין מעהר ניט געטהיילט ווערען.

יוסף. אַז דיזע אונטהיילבּאַרע טהיילכעלעך בּעזיצען אַ כעמישע ענערגיע וועלכע קאָן פערניכטען דעם ערד-קוגעל אין איין טאָג. די ענדעקער האָבען דיזע אונטהיילבּאַרע טהיילכעלעך אַ נאָמען געגעבען — אַטאָמען.

דוד. (שטיל). אַטאָמען!

יוסף. ווייסען מיר יעצט אַז אַלע גשמיות'דיגע קערפּערס וואָס גאָט האָט בּעשאַפען בּעשטעהען פון אונטהיילבּאַרע טהיילכעלעך.

דוד. ווי שכל'דיג דאָס קלינגט.

יוסף. (בּעלויכטען מיט בּלויע ליכט). אָבער די אַטאָמען קאָנען ניט זיין טהעטיג אָהן די הילף פון גייסטיגע ענערגיע, אָהן דעם שכל וואָס פיהרט די וועלט. און דער שכל קומט פון בּורא. שטעלט זיך די פראַגע וואָרום ענטפּלעקט פאַר אונז דער בּורא די צושיידונג פון רוחניות און גשמיות און ניט זייער פערבּינדונג.

דוד. זייער פערבּינדונג?

יוסף. (בּעלויכטען מיט גרינע ליכט). קום איך מיט מיין השערה און זאָג אַז דער בּורא ענטפּלעקט יאָ זייער פערבּינדונג. נאָר מיר האָבען נאָך ניט ענדעקט פון וואָס רוחניות בּעשטעהט פונקט ווי מיר האָבען טויזענדער יאָהרען ניט געוואוסט אַז אַלע מאַטעריעלע קערפּערס בּעשטעהען פון כעמישע אַטאָמען. (עס ווערט פינסטער אויף'ן בּיהנע). טרעט איך אַרויס אין דער וועלט אָהן מורא און אָהן צווייפעל און דערקלער אַז איך האָב ענדעקט דעם עלעמענט פון וואָס רוחניות בּעשטעהט.

דוד. (שעפּצעט). ר׳ יוסף, ר׳ יוסף —

יוסף. (ערשיינט אין מיטען צימער אין אַ צירקעל פון אַמבּערליכט). אין די אונדערגרייכבּאַרע הויכ־קייטען וועלכע דעם מענשען׳ס אויגען וועלען קיינמאָל ניט זעהן און זיינע הענט וועלען קיינמאָל ניט מעסטען בּעוועגען זיך די גייסטיגע וועלטען. אום דער מענש זאָל האָבּען דעם בּעוואוסטזיין פון די גייסטיגע וועלטען שיקט דער בּורא ארונטער מיליאָנען, מיליארדען גייסטיגע טהיילכעלעך פון וועלכע די גייסטיגע וועלטען בּעשטעהען און אַט די אונצעהלבּאַרע טהיילכעלעך זיינען די **גייסטיגע אַטאָמען** פון רוחניות! זיי ערגרייכען בּלויז דעם מענשען׳ס מוח און פאָרמירען זיינע געדאַנקען, און דורך דיזע געדאַנקען, איז דער מענש געקומען צו דעם בּעוואוסטזיין פון גאָט! — און צו דעם גלויבּען אין די פאָרטזעצונג פון זיין גייסטיגען לעבּען אין די גייסטיגע וועלטען. (די בּיהנע ווערט פערפלייצט מיט קאָלירטע בּעלייכ־טונגען. זיין שטימע הילכט איבּערן בּיהנע). פהילעזאָפען, פּאָעטען, קינסטלער, וויסענשאַפטס־לייט, ערפינדער—רינגעלט מיר אַרום מיט אייערע שריפטען, מיט אייערע כללים, מיט אייערע קונסטווערק, מיט אייערע אינסטרומענטען; מיט אייער נאַרוואַס ערפינדונגען — זיי זיינען אַלע די שאַפונגען פון מענשליכע געדאַנקען, און דעם מענשען׳ס געדאַנק בּעשטעהט פון **גייסטיגע אַטאָמען.**

(יוסף׳ס פיגור ערשיינט אין דער הויך אין הינטערגרונט. אונטער איהם שטעהט אַ גרויסע קופּע מענשען וועלכע קוקען ארויף צו איהם. אין דער ערשטער רייהע פון די מאַסע מענשען וועלכע שטעהען העכער פון די אַנדערע, ערשיינען דאָקטוירים אָנגעטאָהן אין ווייסען, פהילעזאָפען מיט זייערע ביכער, אַן אסטראָנאָם מיט זיין טעלעסקאָפּ, אַ מאַן מיט אַ לופט־שיפעל, נאָך איינער מיט אַ טעלעפאָן, אַ מאַלער מיט אַ פּאַליטרע און פּינזעל, א. ז. וו. עס הערט זיך די שאַלען פון טרומפּייטען, דעם ריטמישען קלאַנג פון גלעקער, דאָס שפּילען פון האַרפּען. העכער איבער אַלעס הערט זיך יוסף׳ס שטימע). דעם מענשען׳ס געדאַנקען בעשטעהען פון גייסטיגע אַטאָמען . . . גייסטיגע אַטאָמען . . . און מיט די גייסטיגע אַטאָמען פערבינדט דער בורא עולם רוחניות מיט גשמיות! מוזיק אַקאָמפּאַנירט דעם ספּעקטאַקעל און דער

פּאָהראַנג פאַלט לאַנגזאַם.

———oo———

פיערטע סצענע.

(איין טאָג שפּעטער. נאָכמיטאָג).

* * * *

סצענע: אַ זייטיגע געסעל ביים ברעג פון אַ קליינעם פּאַרק. רעכטס אַ פּאַרקאַן וואָס פערצאַמט דעם אריינגאַנג צום פּאַרק. לינקס, אין הינטערגרונט, דער אָנפאַנג פון אַ רייהע הילצערנע הייזער. אין פאָרגרונט, לינקס און רעכטס, צוויי גרויסע בוימער. נעבען יעדען בוים, אַ באַנק. רעכטס, ניט ווייט פון פּאַרקאַן, אַן עלעקטרישער לאָמפּ. עס הערט זיך די פּיפּצען פון פויגעלעך. אויפטריט דוד פון רעכטס, מיט אַ שרייב-העפט און בליישטיפט. געהט מיט לאַנגזאַמע טריט און לעזט פון שרייב-העפט.

וועלכער דיינקער קאָן לעזען דיזע חידה:

מיין לעבען איז אַ געדונגענער,
מיין טויט איז אַ געצוואונגענער,
נאָר מיין ליבע צו גאָט איז אייביג ווי די וועלט.
מיין יוגענד איז אַ גע'פּטר'טער,
מיין עלטער איז אַ פער'מאַטערטער,
נאָר מיין גלויבען אין גאָט איז שטאַרקער פון דער וועלט.

(געהט אַב לאַנגזאַם ווידערהאָלענדיג די ווערטער "מיין לעבען איז אַ געדונגענער, מיין טויט איז אַ געצוואונגענער" (זיין שטימע פערגעהט).
(פויזע. אויפטריט אַרנאָלד און מייקעל גאָלדמאַן).

גאָלדמאַן. איך בין איבערראשט פון דיין פאַטער׳ס האַנד־לונג, אַרנאָלד. איך האָב איהם קיינמאָל ניט געזעהן אַזוי אויפגערעגט ווי נעכטען. (זעצען זיך אויף׳ן באַנק).

אַרנאָלד. איך האָב שוין לאַנג ערוואַרטעט דעם אויסברוך פון מיין פאַטער. ער געהט צוריק אַנשטאַט פאָר־ווערטס. ער האָט זיך לעצטענס אין גאַנצען געענדערט אין זיינע אנשאואונגען און בענעה־מונגען. מיט איין מאָהל איז ער געוואָרען אַזוי קאָנסערוואַטיוו און זאָגאַר — פרום.

גאָלדמאַן. (לאַכט). אפשר ריכט ער זיך אויף עולם־הבא.

אַרנאָלד. איך דענק אַז זיין ענדערונג קומט פון דעם וואָס ער איז לעצטענס געוואָרען מעהר אינטים מיט מיין זיידען. ער איז פון איהם געוועזן אין גאַנצען פאַרפּרעמדט באַלד ווי מיר זיינען געקומען אין דיזען לאַנד.

גאָלדמאַן. איך האָב דיין זיידען קיינמאָל ניט בעגעגענט. אָבער איך האָב פיעל געהערט וועגען איהם פון אונזער פיהרער מר. מאָסס. ער האָט מיר געזאָגט אַז דיין זיידע איז אַ דענקער, נאָר אַ פאַנאַטישער דענקער.

אַרנאָלד. ניט אַזוי פאַנאַטיש, ווי מאָדנע און זאָנדערבאַר. זיינע מיינונגען און בעטראַכטונגען זיינען טויזענד יאָהר אַלט. זאָגאַר די איצטיגע טעגליכע פּראָב־לעמען זוכט ער צו שליכטען מיט אַלטע מעטאָדען.

גאָלדמאַן. צום ביישפּיל?

אַרנאָלד. צום ביישפּיל דעם איצטיגען פּראָבלעם וועגען פּאַלעסטינא. זאָגט מיין זיידע אַז ציוניזם דאַרף זיין אַ רעליגיעזע בעוועגונג און ניט קיין פּאָליטישע, ווייל אידען זיינען אַן אמונה און ניט קיין נאַציאָן.

גאָלדמאַן. אַן אמונה? אָבער אמונה מוז אָון וועט אונטערגעהן.

אַרנאָלד. ער זאָגט אַז דאָס וואָס אידען האָבען אַריינגעבראַכט פּאָליטיק אין דער בעוועגונג האָבען זיי אין גאַנצען דער׳שלאָגען דעם ציוניזם. און הערט דיזען זאָנדערבאַרען פּראָיעקט. ער זאָגט אַז די אידען פון דער גאַנצער וועלט דאַרפען יעצט שטרעבען אויפצובויען דעם דריטען בית המקדש אין פּאַלעסטינא, אַנשטאַט צו בויען דאָרט אַ שטאַאט. בעזעצען אידען ווידער אין פּאַלעסטינא קאָן נאָר — משיח.

אַרנאָלד. האַ, האַ, האַ, נאָך גלויבט ער אין משיח, האַ, האַ, האַ. ווירקליך צו בעוואונדערען איהם. און בויען אַ דריטען בית המקדש — דאַרף מען דאָך האָבען שלמה המלך׳ם אוצרות דערצו, ניין? האַ, האַ, אַ דריטען בית המקדש.

אַרנאָלד. אין זיין פּערזענליכען לעבען איז מיין זיידע פאַר מיר אַ רעטעניש און שיינט צו זיין אַרומגערינגעלט מיט סודות. איינע פון זיינע סודות בעציהט זיך אויף אַ קעסטעלע שטויב, וואָס ער האַלט בעהאַלטען אין דעם קאָפּ פון דעם גרויסען זייגער אין זיין ביבליאָטהעק.

גאָלדמאַן. מערקווירדיג אינטערעסאַנט.

אַרנאָלד. איך האָב איהם איינמאָהל געפונען שטעהענדיג נעבען זייגער און רעדענדיג צו דער קעסטעלע. אָט די ווערטער: "שטויב פון מיינע ספרים — איהר האָט אין זיך לעבען, ווייל איהר האָט אין זיך אריינגעצויגען קליינע טהיילכעלעך פון די געדאַנקען וועלכע געפינען זיך אין מיינע ספרים".

גאָלדמאַן. (מיט פרייד). אויסערגעוועהנליך. אַרנאָלד, דו ווייסט, זיין ערקלערונג האָט אין זיך עטוואָס — עטוואָס וואָס וועט שטאַרק פאַראינטערעסירען אונזערע מיטגלידער. וואו זאָגסטו געפינט זיך דאָס קעסטעלע?

אַרנאָלד. אין דעם קאָפּ פון זייגער וועלכער שטעהט אין א ווינקעל.

גאָלדמאַן. איך וועל דאָס קעסטעלע בעקומען און עס ברענגען צו אונזער פעסט. (שטעלט זיך).

אַרנאָלד. (שטעלט זיך). טהו עס ניט גאָלדמאַן, פיליכט פּאַסירט וואָס מיט'ן קעסטעלע, וועט מיין זיידע האָבען גרוים פעררדרוס.

גאָלדמאַן. וואָס קאָן פּאַסירען? באַלד נאָך'ן פעסט וועל איך עס דיר אָפּגעבען צוריק און דו וועסט עס נאָך דעמזעלבען אָוענד אריינשטעלען צוריק אין זייגער.

אַרנאָלד. איך וואָלט געוועזען מעהר צופרידען ווען דו טהוסט עס ניט. (ביידע געהען רעכטס).

גאָלדמאַן. וואָס שרעקסטו זיך אַזוי? איך גיב דיר מיין וואָרט אַז נאָכדעם ווי מר. מאָסס וועט עס צייגען צו די פערזאַמעלטע און דערקלערען וועגען דעם

אינהאַלט פון קעסטעלע. גיב איך עם דיר גלייך צוריק.

אַרנאָלד. אויף זיכער?

גאָלדמאַן. זיכער! זיכער! (בּיידע אָב).

פערוואַנדלונג.

פינפטע סצענע.

(דריי טעג שפּעטער נאָך האַלבען טאָג).

* * * *

סצענע: יוסף׳ס בּיבּליאָטהעק. דורך דעם גלעזערנעם דאַך שיינט אַריין די שטראַהלען פון דער זון. יוסף זיצט נעבען זיין שרייב-טיש.

יוסף. (דענקט). דוד איז יעצט מיין געגענוואָרט און מיין צוקונפט. ווי אַ מלאך האָט ער אויסגעזעהן יענע נאַכט אין וועלכע איך האָב איהם ענדעקט מיין טהעאָריע. ווי אַ בּת-קול האָט געקלונגען זיין שבועה אַז ער וועט זיין מיין נאָכפאָלגער אין די פערשפּרייטונג פון מיין טהעאָריע. אויף זיין פּנים האָט גערוהט די שטילקייט פון ארון-קודש און די פייכטקייט אין זיינע אויגען האָט געגלאַנצט ווי פליסיגע גאָלד. זיין פאַרלאַנג אַז איך זאָל מיין טהעאָריע אויך פערטרויען אונזער פריינד שמואל האָב איך אויף מאָרגען אויסגעפאָלגט. ווי גליקליך

איז דער מענש וועלכער האט אזעלכע צוויי פריינד.

(מען קלאפט לייכט אין טיהר. אויפטריט שמואל).

שמואל. (טראגט איינינע צייטונגען אונטערן ארעם. געהט צו יוסף'ן מיט אויסגעשטרעקטער האנט). וואס מאכט איהר, ר' יוסף, שוין דריי טעג אייך ניט געזעהן.

יוסף. (געהט איהם אנטקעגען). זייט געבענטשט, מיין פריינד. (זיי זעצען זיך). שמואל לעגט די צייטונגען אויף'ן שרייב-טיש). וואס זאגען עפעס היינטיגע צייטונגען?

שמואל. די סענסאציע פון טאג איז רבי שראדער'ס דרשה וועגען רעליגיעזע פראפאגאנדע. זיין שארפע קריטיק וועגען דיזער נייער ערשיינונג אין אונזער לעבען רופט ארויס בעוואונדערונג.

יוסף. יא, מיר לעבען יעצט אין א צייט ווען זאגאר רעליגיע ווערט פראפאגאנדירט אזוי ווי עס וואלט געווען א סאציאלע אדער פאליטישע בעוועגונג. ווען האבען דאס אידען פראפאגאנדירט וועגען השם-יתברך און וועגען אונזער תורה? מען איז זיך מפקיר געווען פארביידען שטילערהייט. די תורה איז אונז געגעבען געווארען צום לערנען, ניט צו מאכען סענסאציעס וועגען איהר. אנשטאט די שטילע, פרומע און פערטראכטע דענקער ווי אונזערע אמאהליגע רעליגיאנס-לעהרער זיינען געוועזן, האבען מיר היינט פילע מלמדים וועלכע זיינען גרינדליכע אגיטאטארס און דעמאגאגען,

וועלכע לערנען זייערע תלמידים אונזער תורה מיט דעם נוסח פון ראדיקאליזם.

שמואל. וואס פיר א פייערדיגען אמת איהר האט יעצט געזאגט, ר׳ יוסף.

יוסף. זיי פערזיכערען די עלטערען פון זייערע תלמידים, אז זיי, די לעהרער, זיינען ״פרומע סאציאליסטען״ און זאגאר ״פרומע קאמיוניסטען״ און מיט דיזע ערקלערונג זיינען זיי יוצא פארביידע צדדים: פאר די פרומע פון וועלכע זיי מאכען חוזק שטילערהייט, און פאר די ראדיקאלען, וועלכע זיינען די שונאים פון די פעהיגע און ערפאלגרייכע. אט די נייע רעליגיעזע פראפאגאנדיסטען פערשטעהען ניט אז אמונה מיט ראדיקאליזם וועלען קיינמאהל ניט געהן האנט אין האנט.

שמואל. ניין, קיינמאהל ניט.

יוסף. ניט דערפאר ווייל זיי זיינען זיך ביידע שונאים, נאר ווייל איינער פון די צוויי איז דער שונא. אמונה האט ניט קיין שנאה. זי רופט ניט צום קאמפף, צו פערניכטונג, צו בלוט־פערגיסונג. אמונה קלאסי־פיצירט ניט און צוטהיילט ניט. אמונה איז א גייסטליכע פערקערפערונג וואס געהט זיך רוהיג איהר וועג און טהיילט אוים צו דער מענשהייט גייסטליכע מתנות זא ווי ליעבע, גערעכטיגקייט, רחמנות און שלום.

שמואל. ניט אלע מענשען קאנען אבשאצען דעם ווערטה פון אמונה׳ס מתנות.

יוסף. (שטעלט זיך). קאַמפּף, האַס און קריעג וועט קיינמאָהל ניט ברענגען די גאולה, וועיל פערניכטונג איז אַ מאַטעריעלגע טהעטיגקייט. די גאולה וועט זיין אַ גייסטיגע פּאַסירונג. ווען דער מענש וועט קומען צו דעם בעגריף, וועט ער אויפגעבען קריעג, קלאַסען־קאַמפּף און ראַסען־האַס און וועט אָנפאַנגען שטרעבען צו גייסטיגע רייכטהימער, ווי חכמה און לעהרע. אַט צו יענע צייטען פיהרט אונז דער בורא מיט אמונה אַלס אונזער וועגוויייזער. (פּויזע).

שמואל. ר׳ יוסף — —

יוסף. יאָ, מיין פריינד. מיר האָבען זיך אַזוי פערערדט —

שמואל. אַז איך האָב כמעט פערגעסען וועגען וואָס איך בין יעצט צו אייך געקומען.

יוסף. (זעצט זיך). איהר מאַכט מיר נייגעריג.

שמואל. ביי סימורן אין הויז איז אַ גאַנצע איבערקערעניש.

יוסף. איהר מיינט וועגען ערנאַלד׳ן?

שמואל. איהר ווייסט שוין?

יוסף. אַז מיין אייניקעל איז געוואָרען אַ טהעטיגער מיטגליד ביי ״די נייע דענקער״. זעצט פאָרט, מיין פריינד.

שמואל. דיזער קרומער שריט האָט פעראורזאַכט אַ קריעג צווישען פאָטער און זוהן און ערנאַלד איז נעכטען אַוועק פון דער היים.

יוסף. פרידען קאָן זיך ניט לאַנג אויפהאַלטען אין די האַרץ פון אַ גאָטלאָזען מענשען.

שמואל. סימור איז קראַנק פון פערדרוס, ניט אַזוי וואָס אַרנאָלד איז אַוועק, נאָר פון מורא אַז די פּאַסירונג וועט פערעפענטליכט ווערען אין מאַסס׳ם ציימונג. די שנאה צווישען אייך און מאַסס איז דעם לעזער גוט בּעקאַנט.

יוסף. די שנאה איז דאָך נאָר פון זיין זייט. פון אייביג אָן האַסען די אונגלויבּיגע די גלויבּיגע, פּונקט ווי דער שוואַכער האַסט דעם שטאַרקען אָדער ווי דער אונפעהיגער האַסט דעם פעהיגען. דער שוואַכער ווייס אַז ער וועט דעם שטאַרקען קיינמאָהל ניט בּייקומען,—האַסט ער איהם. און וואָס טהוט דער שטאַרקער? ער האָט אויף איהם רחמנות. אַזוי טהוט אויך אמונה. זי האָט רחמנות אויף דעם אונגלויבּיגען.

שמואל. ״די נייע דענקער״ פייערען היינט אָוועגד זייער פינפטען יאָהרעס-פעסט. אייער זוהן איז זיכער אַז אַרנאָלד וועט דאָרט זיין.

יוסף. (קוקט אין דער ווייטקייט). געהט גלייך אַריבּער צו סימור׳ן און זאָגט איהם אַז אַרנאָלד וועט היינט אָוועגד זיין צוריק אין דער היים.

שמואל. (שטעלט זיך). איך לויף שוין אָנזאָגען סימור׳ן די בּשורה. (גיט איהם די האַנט). זייט געזונט, איך וועל אייך מאָרגען זעהן.

יוסף. (קוקט איהם אין געזיכט). געהט געזונטערהייט. מיר האָבּען נאָך פיעל צו רעדען וועגען מיין השערה.

שמואל. דענקען נאָך מעהר ווי רעדען. (אָבּ שנעל).
(אויפטריט דוד אין גאַס-קליידער. ער מאַכט שטיל צו די טיהר).

יוסף. (בעמערקט איהם מיט פרייד). שוין צוריק פון דיין שפּאַציר, דוד.

דוד. (טהוט אויס זיין מאַנטעל און הוט און טהוט אָן זיין יאַרמעלקע). איך בין נאָר געגאַנגען ביז דעם קונסט-מוזעאום. עס איז היינט זעהר הייס אין דרויסען. (געהט צו די ספרים לינקס, און ציהט ארויס אַ גמרא). מיר האָבען נאָך דריי שטונדען צו מנחה.

יוסף. דוד, מיר וועלען זיך היינט זעצען לערנען ווען די לבנה וועט פערגעהן.

דוד. (רוקט אַריין די גמרא). אַ שאַד אָבצוקירצען די צייט פון לערנען.

יוסף. אמת, מיין טהייערער תלמיד, אָבער איך האָב היינט אַ וויכטיגע שליחות דורכצופיהרען.

דוד. (נעהערט זיך). און ווי אַלע מאָהל וועט איהר מיר ערלויבען אייך צו העלפען.

יוסף. (מילד). זאָל עס דיר ניט פערדריסען, טהייערער דוד, אָבער מיין איצטיגען אויפטראַג מוז איך דורכ-פיהרען אליין.

דוד. (ערשטוינט). אליין? אָהן מיין בעגלייטונג?

יוסף. יאָ, נאָר דעם איין מאָהל. זיי אַזוי גוט און ברענג מיר מיין הוט און מאַנטעל. (דוד אָב). טהייערער דוד, עס פערדריסט איהם ווארום ער קאָן מיר דעם מאָל ניט בעגלייטען. איך וועל איהם אין קורצען פער-גיטיגען פיר זיין פערדרוס. (דוד קערט צוריק

און טהוט אָן יוסף'ען זיין הוט און מאַנטעל).
פערזאַמט אייך ניט צו לאַנג ר' יוסף. איך וועל
זיין אונרוהאיג ביז וואַנען איהר וועט צוריק
קומען, ווייל איהר געהט אַליין.

יוסף. זיי גאַנץ רוהאיג, דוד. גאָט וועט מיך היטען. (קושט
דוד'ן און געהט צום טיהר).

דוד. (פאָלגט איהם נאָך). געהט געזונטערהייט און קומט
געזונטערהייט. (יוסף אָפּ. דוד נעהמט אַרויס דעם
תהילים פון צווישען די ספרים. זעצט זיך נעבען
יוסף'ס שטול. קוקט אין תהילים). "למנצח לדוד
מזמור — צו דעם דער-שטאַרקט אין געזאַנג, וואַר
איין געזאַנג פאַר דוד—" (דענקט). פערטיפט און
פערהוילען איז דוד'ס נשמה אין תהילים, און ווען
מיר פאַנגען אָן זאָגען תהילים קלאַפּט זי מיט
איהרע פליגלען אויף אונזערע מחשבות און טראָגט
אונז אוועק אין די ווייטע מקומות. (שטעלט זיך
און פרעסט דעם תהילים צו זיין ברוסט). ווען איך
זאָג תהילים דאַכט זיך מיר אַז איך שטעה פּנים אל
פּנים מיט דעם אונגליקליכען קעניג פון דאָס
אידישע פאָלק, אַז איך העהר זיין שטימע דורך די
דערווייטערונגען פון דער וועלט — "למנצח לדוד
מזמור", — (געהט צום זיינער. לעגט דעם תהילים
אויף'ן טישעלע, נעהמט אַרויס דאָס קעסטעלע
שטויב. עפענט עס). מיין רבי איז גערעכט, איהר
ענטהאַלט אין זיך לעבען — —

(אויפטריט גאָלדמאַן. קוקט אין אַלע זייטען.
בעמערקט דוד'ן. מאַכט הויך צו די טיהר).

דוד. (טרעט אָפּ פון טישעל). ווער זייט איהר? וואָס
פאַרלאַנגט איהר?

גאָלדמאַן. ווער איך בין איז פאַר דיר נים נויטיג צו וויסען. זאָג מיר נאָר וואו איז מר. מאַמין.

דוד. ער איז ניטאָ אין דערהיים. ער וועט באַלד קומען. וועגען וואָס דאַרפט איהר איהם? (קוקט איהם אָן).

גאָלדמאַן. נים איהם דאַרף איך. (זוכט מיט די אויגען איבערן צימער. קוקט אָן דוד'ן). איך דענק אַז דו ביזט דוד, יוסף מאַמין'ס ליעבלינג.

דוד. פון וואַנען ווייסט איהר מיין נאָמען?

גאָלדמאַן. (שמייכעלט). ביזט אַ שעהנער בחור, נאָר ווען דו טראָגסט ניט די פאות'ן וואָלסטו געווען נאָך שעהנער. און ווען דו שאָקעלסט זיך ניט ביים דאַווענען אָדער דו וואָלסט בעסער אין גאַנצען ניט געדאַוועגט, וואָלסטו געווען — —

דוד. (מוטהיג). איהר זייט אַ גרויסער עזות-פּנים און אַ חוצפּה'ניק אַז איהר רעדט אַזוי צו אַ פרעמדען מענשען אין זיין אייגענער היים.

גאָלדמאַן. דיין היים? איך האָב געהערט אַז מר. מאַמין איז דיין אַפּעקון און אַז — —

דוד. וואָס געהט עס אייך אָן. זאָגט מיר וואָס פערלאַנגט איהר.

גאָלדמאַן. דאָ אין ביבליאָטהעק געפינט זיך אַ קעסטעלע שטויב. גיב עס מיר און איך וועל גלייך אַוועק געהן. (דוד גיט אַ לייכטען ציטער).

דוד. אויף קיין פאַל ניט. צו וואָס דאַרפט איהר עס? ווער זייט איהר? געהט אַרויס פון דאַנען!

גאָלדמאַן. גיב עס מיר מיט גוטען, ווען ניט, וועסטו ערגער מאַכען.

דוד. איהר האָט אַ שמוציגע נשמה, איהר טאָרט ניט האַלטען דאָס קעסטעלע אין אייערע הענט. דאָס קעסטעלע שטויב איז אַ הייליגקייט—עס האָט אין זיך לעבען.

גאָלדמאַן. אַזוי האָב איך געהערט. דערפאַר וויל איך עס האָבען. זאָלען מענשען זעהן דעם וואונדער. לעבעדיגע שטויב! האַ, האַ, האַ. (בעמערקט דעם זייגער). אָה יעצט האָב איך עס. (לויפט צום זייגער. דערזעהט דאָס קעסטעלע). אָט איז עס, בעסער ווי געוואונשען.

דוד. (דרעהט זיך אום מיטן רוקען צום טישעל). ניטע! נעהמט ניט דאָס קעסטעלע — גאָט וועט אייך שטראָפען. נעהמען יענעם'ס אייגענטהום מיט געוואַלד איז נאָך אַ גרעסערע זינד ווי עס צו גנב'ענען.

גאָלדמאַן. יו אַר איי ביג פול. (גיט דוד'ן אַ שטאַרקען שטופּ און כאַפּט דאָס קעסטעלע און לויפט צום טיהר).

דוד. (קומט איהם אין וועג). ניין, בשום אופן ניט. (כאַפּט אָן זיין ראָק) נאָט אייך מיין יוגענד, נאָט אייך מיין לעבען, נאָר נעהמט ניט צו דאָס קעסטעלע שטויב!

גאָלדמאַן. אַ לעבען פאַר אַ קעסטעלע שטויב? ניין, ביזט נאָך צו יונג צו שטאַרבען, לאָז אָפּ! (רייסט דוד'ן אַוועק פון זיך).

דוד. (כאַפּט אַרויס אַ שליסעל פון בוזים און פערשליסט די טיהר. קוקט אָן גאָלדמאַן מיטווילדע בליקען).

איך פיהל זיך יעצט שטארק ווי א גבור. איך וועל אייך שלעכטעס טאהן. איך וועל צובייסען אייערע הענט. (נעהערט זיך). איך וועל אויסדראפּען אייערע אויגען, איהר הערט? איך — איך — — (גיט א העפטיגען רים גאלדמאן פון טיהר).

גאלדמאן. (מיט לייכטען שפּאט). אזוי? שטארק ווי א גיבור? וועל איך טאקע אין דער מינוט אפּשוואכען דיין גבורה אויף דער זעלבער ארט ווי מען האט אפּגעשוואכט די גבורה פון שמשון הגיבור. (כאפּט שנעל ארויס א קליין שערעלע און שערט אפּ דוד'ס לינקע פאה. דוד לאזט ארויס א קרעכץ און בלייבט שטעהן ווי פערשטיינערט. דער שליסעל פאלט ארויס פון זיין האנט. גאלדמאן שליסט אויף די טיהר און פערשווינדט מיטן קעסטעלע. דוד פיהרט לאנגזאם זיין לינקע האנט צום לינקען אויער. לאזט ארויס א ווילדען געשריי. דרעהט זיך ארום אין מיטען צימער ווי א וואהנזיניגער, און פאלט צום באדען. יאמערט). ניטא! צוגענומען! וואס וועט יוסף זאגען? וואס וועט ער טאהן? ווי האב איך עס דערלאזט? איך האב געדארפט בעטען דעם רויבער ער זאל מיר דער'הרג'ענען.... מיר פערשלעפּען אין וויסטע וועלדער. איך זאל מעהר ניט קאנען זעהן דעם ליכטיגען פּנים פון יוסף מאמין .... (יאמערט הערצרייסענד און דראפּעט דעם באדען מיט זיינע הענט).

די ביהנע ווערט סטאק פינסטער און

די סצענע פערגעהט.

——oo——

זעקסטע סצענע.

(פינף שטונדען שפּעטער).

* * * *

סצענע: אַ גרויסער זאַאל. די געלעגענהייט איז דער פינפטער יאָהרעס-פעסט פון "די נייע דענקער". די פערזאַמלונג איז אַן איינפאַכע. פערשידענע טיפּען וואַרפען זיך אין די אויגען. צווישען זיי אייניגע אַלטע לייט אָהן היטלען, אויך היי-סקול שילער מיט זייערע ביכער. אין פאָרגרונט רעכטס אַ פּלאַטפאָרמע. אונטערן פּלאַטפאָרמע, אַ רייהע בעזעצטע שטוהלען. די לופט אין זאַאל איז פול מיט רויך, דער טומעל און אונאָרדענונג צווישען די פערזאַמעלטע איז שטאַרק קענטיג. אַ געוויסע שטרעקע פון פּלאַטפאָרם זיצט אַ גרויסע טהייל פון דעם ביהנע-אָודיענץ, אויס-געזעצט אין אַ האַלבען צירקעל. אַרום טיש אויף'ן פּלאַטפאָרם זיצען די פערוואַלטער פון קלוב. אין דערמיט, זיצט הערבים מאָסס. נעבען איהם זיצט אַרנאַלד. אין ווינקעל אין פאָרגרונד לינקס, זיצט גאָלדמאַן און פיינבערג. צווישען זיי אויף אַ שטוהל שטעהט אַ קליינער רענצעל.

גאָלדמאַן. האַלט דיין אויג אויף'ן וועלים, פיינבערג, איך מוז באַלד אַרויפגעהן אויף'ן פּלאַטפאָרם. פּרעזי-דענט מאָסס איז ענטציקט פון מיין טהאַט, און וועט מיר לאָזען ווייזען די שטויב צו די פערזאַמ-עלטע צום שלוס פון פּראָגראַם. וואָס פיר אַן

איבעררּאַשונג דּאָס וועט זיין פיר אונזערע מיט־גלידער. זיי וועלען ניט גלויבען אַז אין דיזע צוויליזירטע לאַנד לעבּט היינט אַזאַ פאַנאַטיקער ווי יוסף מאַמין. אָבער מיר פאַרלירען זיי איינציג־ווייז און זייער טיף וועט זיך שוין קיינמאָהל ניט אומקערען.

פיינבערג. זיי ניט אַזוי זיכער וועגען דעם. מר. מאַמין איז אַמאָל געווען אַזוי יונג ווי דו און איך. ווען דער מענש ווערט עלטער, הויבּט ער אָן צו געהן אויף די וועגען אויף וועלכע זיינע עלטערען זיינען געגאַנגען. און איך דענק לויט וואָס איך האָבּ געהערט וועגען מר. מאַמין, האָבּען זיינע עלטערען געמוזט געהן אויף גאָלדענע וועגען.

גאָלדמאַן. ווען דיין בּעגריף וואָלט געווען אמת, וואָלט די מענשהייט געווען היינט דאָס וואָס זי איז געווען מיט טויזענדער יאָהרען צוריק. ווילד, בּלוט־דורשטיג און וואָלט נאָך היינט פערמאַטערט מענשען בּיז צום טויט.

פיינבערג. די מענשהייט טהוט היינט אויך די זעלבּע זאַך. האָט דאָ ניט לאַנג אייראָפּא דער׳הרג׳עט איבּער הונדערט מיליאָן מענשאַן און פערפּייניגט זעקס מיליאָן אידען צום טויט?

גאָלדמאַן. זאָג ניט זעקס מיליאָן אידען, זאָג מענשען. מענשען — אָה, דו וועסט קיינמאָהל ניט ווערען קיין נייער דענקער. גיוו איט אָפּ.

פיינבערג. מייבּי אַי וויל. (פיינבּערג קוועצט מיט די פּלייצעס און פערנעהמט זיין פּלאַץ אויף׳ן פּלאַטפאָרם).

מר. מאָסס. (שטעלט זיך. גיט דריי מאָהל אַ קלאַפּ מיטן האַמער. אין זאַאל ווערט שטיל). מיטגלידער פון די נייע דענקער. מיר פאַנגען יעצט אָן דעם צווייטען טהייל פון אונזער פּראָגראַם וואָס וועט בּעשטעהן פון פראַגען און אַנטוואָרטען וועגען דער אידישער רעליגיע. איך וועל אויף אַ ווײלע אונטערבּרעכען דעם גאַנג פון פּראָגראַם צוליבּ אַ וויכטיגע אורזאַכע. ווי אייך איז בּעקאַנט האָבען מיר צווישען אונזערע מיטגלידער אַ נייעם דענקער וועמעס פאַמיליע נאָמען איז די קרוין פון דעם יודענטהום אין די שטאַאטען פון מיטען-מערב אַמעריקא. אונזער נייער מעמבּער האָט צוגעגרייט אַ קורצע רעדע פיר היינטיגען אָוועגד וועלכע מיר זיינען נייגעריג צו הערען. איך האָבּ די עהרע אייך פאָרצושטעלען מר. אַרנאָלד מאַמין, דער אייניקעל פון אונזער אונערמידליכען שונא — יוסף מאַמין!

(דונערענדע אַפּלאָדיסמען און אויסגעשרייען פאַרהילכען דעם זאַאל. פילע שטעלען זיך אויף די שטולען און קלאַפּען אויך מיט די פיס).

אַרנאָלד. (שטעלט זיך. הויבּט אויף זיין רעכטע האַנט. אַלע זעצען זיך. אין זאַאל ווערט שטיל). איך בּין בּעאויפטראַגט געוואָרען פון אונזער ווערטהען פּרעזידענט צו האַלטען היינט אָוועגד די ערשטע פון מיין סעריע לעקצעס וועגען די צוזאַמענ-בּרעכונג פון רעליגיעזע הערשאַפט. (אַפּלאָדיסמען). וועגען דעם קומענדען געבּורט פון אַ פריידענק-ענדע מענשהייט וועלכע וועט ניט טראַגען קיין האַס צו איהרע פערשידענע ראַסען און נאַציאָנען, ווייל די מענשהייט וועט ניט דינען צו קיין

רעליגיע. דער צוקינפטיגער מענש וועט לעבען אָן שרעק, ווייל ער וועט ניט גלויבען אין אַ שטראָפער וועלכען ער זעהט ניט און הערט ניט! (אַפּלאָדיסמענט) ער וועט ניט זיין קיין גאָט-דיענער ווייל ער וועט האָבען דעם בעוואוסטזיין אַז עס איז ניטאָ קיין —

אַ דאַנערענדע שטימע. (אונטערברעכט אַרנאָלד'ס רעדע). ס—ט—אָ—פּ ! !

(די הויכע פיגור פון יוסף מאַמין ערשיינט אין זאַאל. זיינע אויגען בעגעגענען זיך מיט אַרנאָלד'ס. אַרנאָלד זינקט אין שטוהל. יוסף בלייבט שטעהן צווישען פּלאַטפאָרם און האַלב-רונדען זיץ-פּלאַץ. אַלע בעוואונדערען זיין געשטאַלט).

מאָסס. זיין געזיכט איז מיר בעקאַנט — וואו האָב איך איהם געזעהן?

אַ שטימע. פּרעזידענט מאָסס, ווי אַזוי איז דער אַלטער אריינגעקומען אַ הער? מיר לאָזען ניט אריין אַ אידען וואָס טראָגט אַ באָרד.

אַ צווייטע שטימע. ער האָט אונטערגעקויפט דעם טיהר-היטער.

אַ דריטע שטימע. זאָל ער זיך אידענטיפיצירען.

איינינגע שטימען. דהעט'ס רייט. ווער איז ער?

יוסף. (קוקט זיי אָן מיט שטרענגע בליקען. עס ווערט טויט-שטיל). ווערטהע הערען. ענטשולדיגט מיר פיר'ן נעהמען זיך די פרייהייט איבערצו-

שלאָגען דיזען פעסט. ערלויבט מיר צו זאָגען א פּאָר ווערטער.

מאָסס. (שטעלט זיך). צוערשט פּאַרלאַנג איך איהר זאָלט אונז זאָגען ווער איהר זייט. אויב איהר ענטזאָגט זיך עס צו טאָן—וועל איך אייך ניט לאָזען רעדען.

שטימען. מיר ווילען איהם הערען.
סיט דאָון, מר. טשערמאַן.

יוסף. איידער איך וועל אייך מעלדען דעם הויפּט צוועק פון מיין קומען צו אייך, ערלויבט מיר צו מאַכען א בעמערקונג וועגען אייער יונגען רעדנער'ס לעצטע ווערטער. דער מענש וועלכער בעזיצט אַזא פערפוילטע חוצפּה עפענטליך אָפּצולייקענען דעם אייביגען עקזיסטענץ פון גאָט, דאַרף אַרויס־געוואָרפען ווערען פון דער געזעלשאַפט, ווייל ער בעזיצט אַ קרעציגע נשמה!

מאָסס. אייערע אונפערשעמטע רייד, גיט מיר די געלעג־ענהייט אייך שוין אַרויסצושיקען פון דיזען זאַאל.

יוסף. מיר דאַכט אַז די פערזאַמעלטע זיינען נייגעריג צו הערען וואָס איך האָב צו זאָגען.

שטימען. יעס, יעס, טעל אַס.
גאָו אָן וויטה איט.

יוסף. עס איז אַ נאָבעלע אונטערנעהמונג צו ווייזען די וועלט די פינסטערע מאַכט וואָס בעהערשט די אונגלויביגע. ווייסט אַז דער מענש וועלכער קלייבט אויס דאָס אָפּלייקענען פון גאָט אַלס זיין פּרינציפּ, טהוט עס ווייל ער בעזיצט די טויטליכע

האַם מיט וועלכע די קליין-ווירדיגע פערפאַלגען די גרויס-ווירדיגע, און אויך וייל ער פערשטעהט ניט די טיעפסטע פהילעזאָפיע פון לעבען — אַמונה.

שטימען. וואַס מיינט ער? שלאָג ניט איבער.

יוסף. אַמונה צווינגט ניט, אַמונה דיקטירט ניט. אַמונה לערענט און בעט, זאָלסט האַנדלען מיט גערעכטיגקייט, מיט עהרליכקייט, מיט רחמנות צו אַלע מענשען. זאָלסט לעבען אָנשטענדיג, ריין פון זינד און פערברעכען—קאָן דער קליין ווירדיגער מענש ניט פערטראָגען די נאָבעלקייט פון אַמונה ווי ער קאָן ניט פערטראָגען דעם נאָבעלען מענשען. קלערט ער אויס אויף אַמונה די חסרונות וועלכע זי האָט גאָרניט. זאָגט ער אַז רעליגיע איז ווילד, אַז זי פערשקלאָפט דעם מענשען. וויל דער נידעריגער מענש פּטור ווערען פון רעליגיע, ווייל רעליגיע שלאָגט זיין געוויסען, זיין נשמה. ווייל אַמונה קאָן זיין בעהאַלטענעם "איך", דעם "איך" וועלכען די אויסערליכע וועלט זעהט ניט, אָבער דעם "איך" וועלכען גאָט זעהט — און דערפאַר טראָגען די אונווירדיגע און קליינינקע מענשעלעך אַ שנאה צו רעליגיע. זיי קאָנען ניט פערטראָגען איהר עהרליכקייט פּונקט ווי דער גנב קאָן ניט פערטראָגען דעם עהרליכען מאַן. אַמונה'ס זיטען-לעהרע, איהר הייליגקייט, איהר מאָראַל שטעכט זיי אין די אויגען ביז צום שלום פון זייער לעבען.

שטימען. מר. טשערמאַן, לאָזט איהם מעהר ניט רעדען! ער מוז זיין אַ רב.

איינער. (שטעלט זיך). טראָגט איהר אַ טלית-קטן? (אייניגע לאַכען).

אַ צווייטער. און אייערע ציצות, ווייזט אונז אייערע ציצות.

אַ דריטער. ווי פריה האָט איהר היינט געלעגט תפילין? (פילע לאַכען).

יוסף. (שטאָלץ). אייער געלעכטער בעליידיגט מיר ניט און שרעקט מיך ניט. נאר גרוים איז די שאַנד פון אַזאַ געלעכטער. שענדליך פאַר דער וועלט און פייניג פיר אייערע ברידער. (טרעט ריקווערטס. בעטראַכט די פערזאַמעלטע). ברידער פון די אונגליקליכעסטע פאָלק אין דער וועלט—ווי קאָן איך אייך קריטיקירען אַז איהר זייט בלינד און טויב, אז אייך ארט ניט וואָס די וועלט טהוט מיט די אנדערע פון אייערע ברידער. ניין, אייך ארט ניט (מיט א לייכטען יאמער). מערדער וואָס איהר זייט! קנאפ רודף'ן אונז די אומות העולם? קנאפ ברענט מען אונזערע הייליגקייטען און אונזערע לייבער, קנאפ שענדעט מען אונזערע טעכטער, קנאפ שמדט מען אונזערע קינדער, (העכער). קנאפ גיסט די וועלט אונזער בלוט, קומט איהר נאָך אונטער, איהר די זיהן פון אונזערע טאַטעס און מאַמעס, איהר אין וועמעס אָדערן עס פליסט אונזער בלוט, און וואַרפט שטיינער אויף אונזערע קוים לעבעדיגע גופען. ווי קאָנט איהר פערשוועכען אונזערע דינים, צוברעכען אונזערער מנהגים, אָפלאַכען פון אונזערע רבנים און שוהלען? אַזוי ווי די ווערים קריכט אַרום צווישען אונזער יוגענד און פערדאַרבט זיי מיט האַס און

גלייכגילטיגקייט געגען די פרומע אין אונזער פאָלק! (יאמערט). ווי קאָנט איהר עס טאָהן, ווען א האַלבע וועלט ציעלט אונז אָפּצואווישען פון דער ערד! . . . (א טויטע שטילקייט הערשט אין זאאל. די פערזאַמעלטע קוקען זיך אָן איינע די אַנדערע).

גאָלדמאַן. (שטעלט זיך). אָבער צו וואָס זייט איהר געקומען אהער?

יוסף. צו פערהיטען די שחיטה פון א זוהן פון אונזער פאָלק אויף אייער מזבח פון גאָטלאָזיגקייט. איך בין אויך געקומען פערקלאָגען אייער פיהרער — הערערים מאַסס. (פילע אין צירקעל שטעלען זיך). פאַרוואָס וויל איך איהם פערקלאָגען? ווייל ער האָט זיך אריינגעכאַפּט ווי א שלאַנג אין א יונגען, פערצווייפעלטען יתום׳ס האַרץ און איהם פער־וואנדעלט אין אַ שונא צו גאָט, צו זיין פאָלק און— צו מיר. דער מוטערלאָזער זוהן איז מיין אייניקעל. (קוקט אויף מאַסס׳ן). שטעה איך דאָ יעצט אַלס אייער אַנקלאגער, אָבער איך בין זיכער אז אייערע תהו ובהוניקעס וועלען מיר ניט לאָזען זיין אייער ריכטער.

מאַסס. ווער זייט איהר און ווער איז אייער אייניקעל?

יוסף. ניט דאָס איז יעצט די וויכטיגע פראגע. מיין אַנקלאַגע האָט ניט צו טאָהן מיט געזעץ, נאָר מיט גאָט און זיין גערעכטיגקייט. דער גלויביגער שטעהט אין נעהענטערע פערבינדונגען מיט דעם בעשעפער ווי דער אונגלויביגער — דערפאַר נעהם איך זיך דאָס רעכט צו זיין אייער ריכטער. און אייך גלייך פעראורטהיילען.

(אַ הילכעדיגער געלעכטער פּערקלינגט דעם זאַאל. כמעט אַלע אין צירקעל שטעלען זיך אויף. זיי רוקען זיך צו יוסף׳ן מיט דראָהאונג אין זייערע בּליקען).

מאַסס. און וואָס אַלטער נאַרר, וועט זיין אייער אורטהייל?

יוסף. (רוהאיג). איך וועל פערעפענטליכען אייער שפּיעל מיט מיין אייניקעל און וועל מיט די הילף פון דער עפענטליכער מיינונג בּעוואויגען די רבּנים אריינ־צולעגען אייך און אייער פעראיין אין חרם.

איינער. (טרעט אַרויס פון די גרופּע). וואָגט עס נאַר . . . (אימעצער וואַרפט אַ נאָזטיכעל אויף יוסף).

אַ צווייטער. לאָזט אונז איהם אַרויסוואַרפען. (נאָך אימיצער וואַרפט אַ שוועבּעלע).

גאָלדמאַן. (לויפט צו פיינבּערג׳ן). שנעל, גיבּ מיר דאָס קעסטעלע. (כאַפּט עס אַרויס פון פיינבּערג׳ס האַנט און לויפט צוריק אויף׳ן פּלאַטפאָרם).

אַ דריטער. ער איז אַ שונא פון פרייען געדאַנק — נידער מיט איהם.

אַלע. יאָ, אַ שונא, אַ שונא!

גאָלדמאַן. (שנעל). עס וועט בּאַלד וואָס פּאַסירען, זייערע געזיכטער זיינען שוואַרץ פון כעס.

מאַסס. איך זעה. וואָס זאָל איך טאָהן?
(אַרנאָלד שטעלט זיך).

גאָלדמאַן. איך האָבּ מיט זיך געבּראַכט דאָס קעסטעלע שטויבּ. טהוט עס אַ וואַרף אויף איהם. די איבּעררעשונג וועט צושטערען זייער אבּזיכט.

מאַסס. אַ טהייערער איינפאַל! גיב עס מיר. (צו די פּער־זאַמעלטע). איין מינוט פרייע דענקער — איין מינוט! (שליידערט די קעסטעלע שטויב אויף יוסף׳ן, ער טהוט אַ לייכטען געשריי פון איבער־ראַשונג, אָבער ער פאַרלירט זיך ניט, נאָר פאַנגט אָן שמייכלען).

אַרנאָלד. (לויפט צו יוסף׳ן. פּרובירט אָפּווישען די פּול פון זיין מאַנטעל. יוסף שטופט איהם מילד אַוועק. אַרנאָלד קערט זיך אום צו מאַסס׳ן). מר. מאַסס, וואָס האָט איהר געטאָהן, דיזער מאַן איז מיין זיידע — יוסף מאַמין! . . .

(די מאַסע טרעט אַהינטער און בלייבט אונבעוועגליך).

מאַסס. (מיט פערגלעזערטע אויגען). וואָס? — יוסף מאַמין — דאָ? — ביי אונז?! . . .

די שטויב אויף יוסף׳ס פיגור פערוואַנדעלט זיך ווי אין גאָלד־שטויב און פינקעלט אויף זיין קערפּער. דער גאַנצער ענסאַמבעל אויף׳ן ביהנע שטעהט ווי פאַרשטיינערט. נאָר אַרנאָלד בעוועגט זיך. ער שאַרט צונויף די שטויב און טהוט עס אריין אין קעסטעלע ווערענד דער

פאָהראַנג פאַלט שנעל.

——○○——

זיבעטע סצענע.

(צוויי טעג שפּעטער. נאָכמיטאָג).

* * * *

סצענע: אַ הויף. דער הינטערשטער אַריינגאַנג צו יוסף׳ס וואוינונג. עטליכע טרעפּלעך פירען אין הויז אַריין. רעכטס, אַ בוים. אונטערן בוים אַ באַנק. טיעף אין הינטערגרונט, זעהען זיך הייזער. רעכטס, פון די טרעפּלעך, אַ שטוהל אויף וועלכען עס זיצט נתן און לעזט אַ "מאָרגען זשורנאַל". אויף דעם אויבערשטען טרעפּעל זיצט בערקע און שיילט קאַרטאָפּעל. די אָבגעשיילטע וואַרפט ער אַריין אין אַ דערבייאיגען טאָפּ וואַסער.

נתן. (לעגט אַוועק די צייטונג). נו, בערקע, ווי האַלט עס מיט די קאַרטאָפּעל.

בערקע. נתן, איך וויל מעהר ניט הערען אָט דעם וואָרט. אוים "דייטשמעריש". אידען דאַרפען אַריינלעגען די דייטשע שפּראַך אין חרם, דהעטס־אָלל.

נתן. נו, טו וואו האַלסטו מיט די בולבעס?

בערקע. דעם וואָרט וויל איך אויך ניט הערען. וואָס הייסט, די פּאָליאַקען בעהאַנדלען אונז דען בעסער ווי די דייטשען? פאַר וואָס זיי אָנטאָהן אַזאַ כבוד און זיך ניצען מיט זייערען אַ וואָרט דאָ אין אַמעריקא.

נתן. אַיי בּערקע, בּערקע, אַז מיר זאָלען גאָר רעדען די שפּראַכען פון די פעלקער וועלכע האָבען אונז ליעב — וועלען מיר בלייבען אָהן לשון . . . . נו, טו זאָל שוין זיין פּאָטייטעס — איז וואו האַלסטו מיט די פּאָטייטעס?

בּערקע. אַה, דהעט׳ס-רייט. אַט דעם "אידישען" וואָרט האָבּ איך ליעבּ צו הערען. עפּעס האָט עס אַ שייכות מיט אַנקעל סעם. לאַנג לעבּען זאָל אַנקעל סעם. אַלע דערשלאָגענע פון דער וועלט-מלחמה זיינען יעצט זיינע פלימעניקעס און פּלימעניצעס.

נתן. גוט געזאָגט. אָבּער ווען וועסטו קאָכען דיינע פּאָטייטעס; עס איז דאָך שוין בּאַלד פיער אַ זייגער.

בּערקע. ווערמען אַרט דער זייגער, און צו וואָס דאַרף מען אין גאַנצען אַ זייגער? אַניט זעהען מיר ניט אָהן אַ זייגער ווי עס לויפען אונזערע טעג און יאָהרען? צו וואָס דאַרף מען נאָך האָבּען אַ זייגער זאָל זיך רייצען מיט אונז און צעהלען די מינוטען און סעקונדען פון אונזער לעבּען? צום טייפעל מיט דעם זייגער. (וואַרפט אַריין אַן אָבּגעשיילטע קאַרטאָפעל אין טאָפּ).

נתן. אַ מענש טאָר ניט טראָגען אין זיך קיין שנאה, בּערקע.

בּערקע. איך אַ שונא? הלואי וואָלט די וועלט מיך אַזוי ליעבּ געהאַט ווי איך האָבּ ליעב די וועלט. איהר מיינט איך בּין אַ גאַנצער עם-הארץ? אַניט וויים איך ניט אַז די תורה זאָגט "ואהבת לריך כמיכה?" נו, טהוט מען פונקט פאַרקערט. נו, און די עשרת

הדברות האלט מען? א גליק וואס עס איז דא צעהן, האלט מען האטש — דריי.

נתן. וועלכע דריי געבאט האלט מען בערקע?

בערקע. וועלכע? — הויבט זיך אן א מעשה, נו, וויל איך אייך ניט זאגען און טהוט מיר עפעס. (זינגט אונטער).

נתן. האסט ליעב צו זינגען, א יא בערקע?

בערקע. פרעגט שוין גאר ניט. נאך מיין בר־מצוה האב איך געזונגען ביי א חזן. לאנג בין איך ביים חזן ניט געווען. ער האט געזאגט מיין טאטען אז א שטימע האב איך גראדע א גוטע, נאר — נאר איך הינק אויף'ן עברי. נו, בין איך מיר געווארען מיין אייגענער חזן, פערפאס מיך מיינע אייגענע נגונים און זינג אין דער וועלט אריין. אפילו ענגלישע ליעדער פערפאס איך אויך.

נתן. איך בין ציקאווע צו הערען דיין'ס אן ענגלישע ליעד...

בערקע. פארוואס ניט—ביי מיר איז גערעדט און געטאן. (לעגט דעם מעסער אין שוים און הוסט זיך אוים. שטיל בעגלייטעט פון מוזיק).

If you haven't got a dime,
You cannot drink לחיים
טאם, טאם, טאם, טאם - טאם
And if your purse is not א פולע
There isn't any פאולה
In making love to a בתולה
טאם—טאם—טאם—טאם—טאם

נתן. געראַכט בערקע, מען דאַרף האָבען אַ ביסעל הומאָר אין איצטיגע צייטען.

בערקע. (שיילט אַ קאַרטאָפעל). זאָגט מיר נאָר, נתן, וואָס מאַכט דוד?

נתן. ער בעסערט זיך גאָט צו דאַנקען.

בערקע. איך פערשטעה ניט וואָס פאַר אַן אינטערעס האָט דער גנב געפונען אין ספרים — און וואָס האָט ער גע׳גנב׳עט?

נתן. קיינער ווייס ניט. ר׳ יוסף זאָגט ניט אוים. עס איז דאָן ענטשטאַנדען אַ שרעקליכער ראַנגעל צווישען דוד׳ן און דעם גנב. ווען שלמה׳לע איז פאַרנאַכט אריינגעקומען אין זיין זיידע׳ס ביבליאָטהעק האָט ער געפונען דוד׳ן ליגענדיג אַ פער׳חלשט׳ען. ער האָט געמאַכט אַ געוואַלד. די מענשען פון קלויז זיינען אריינגעלאָפען און מען האָט גלייך גע־בראַכט אַ דאָקטאָר. מיר זיינען אַלע געוואָרען ווי פערשטיינערט ווען מיר האָבען דערזעהן אַז דוד׳ן פעלט זיין לינקע פאה.

בערקע. אַ געוואַלד. אַנדערש ניט ווי דער גנב איז געווען אַן ערל. ווי וועט עס אַ איד אַזוי שענדען דעם צוויטען אידען? איך קאָן זיך פאָרשטעלען ווי דיזע פאַסירונג האָט געווירקט אויף יוסף׳ן.

נתן. ר׳ יוסף טרעט ניט אָפּ פון דוד׳ס בעט אויף איין מינוט.

בערקע. יוסף ליבט דוד׳ן מעהר ווי זיינע אייגענע קינדע־.

נתן. און דוד איז פאָלקאָם בערעכטיגט צו ר׳ יוסף׳ם ליבע. ער געהט אין גאַנצען אין ר׳ יוסף׳ם דרכים און

וועט מיט דער צייט ווערען זיין נאָכפאָלגער. דערצו וועט נאָך דוד ווערען אמאָל אַ בעריהמטער מענש דורך זיינע שירים. שטעל זיך פאָר, אַז ליגענדיג קראַנק האָט ער נעכטען אָנגעשריבען אַ נייעם שיר.

בערקע. אַזוי! טאַקע אַ געבאָרענער משורר.

נתן. ר׳ יוסף האָט מיר געזאָגט אַז ער וועט קומענדיגען שבת נאָך׳ן דאַווענען פאָרלייענען דוד׳ס שיר און אַז יעדער איד דאַרף דעם דאָזיגען שיר אויס־לערנען אויף אויסענווענינ.

בערקע. עס וועט מיר אויסגעהן די כוחות פון אונגעדולד ביז שבת.

נתן. האָב איך שוין געטאָהן קליגער. איך האָב געבעטען ר׳ שמואל׳ן וועלכער האָט אַ קאָפּיע פון שיר, ער זאָל מיר אָנטאָהן דעם כבוד און מיר געבען אַ כתב־יד פון דאָס ליעד.

בערקע. און שמואל האָט געפאָלגט אייער בקשה?

נתן. יאָ. איך האָב עס ביי זיך.

בערקע. (שפּרינגט אויף). (לאָזט פאַלען דעם מעסער און די קאַרטאָפּעל). אַ לעבען אויף אייך, לייענט מיר פאָר דעם שיר. איך וועל איינשלינגען יעדען וואָרט.

נתן. (נעהמט ארויס פון בוזים אַ בויגען פּאַפּיר. לייענט דוד׳ס שיר, אונטער די בעגלייטונג פון שטילע מוזיק, און בלויע בעלייכטונג אויף׳ן ביהנע).

טרעפט ווער איך בין.

מען קלייבט פאַר מיר לענדער,
מען מעסט פאַר מיר ימים,
מען בויט פאַר מיר בריקען וואָס ברייטער און לענגער.
מען פלאַנצט פאַר מיר גערטנער,
מען האַקט פאַר מיר גאַסען,
און דאָך ווערט די וועלט פאַר מיר ענגער און ענגער —

טרעפט ווער איך בין,
טרעפט ווער איך בין!

מען שפּאַנט פאַר מיר ליניעס,
מען טרייבט פאַר מיר באַהנען,
מען איילט פאַר מיר שיפען וואָס שנעלער און שנעלער.
מען זינגט מיר פון פרייהייט,
מען פוצט מיר מיט "גלייכהייט" —
דאָך ברענט אַרום מיר האַס־פלאַמען, העלער און העלער ....

טרעפט ווער איך בין,
טרעפט ווער איך בין!

מען לערענט מיין תורה,
מען האַלט מיינע דינים,
נאָר מען שמד'ט מיינע קינדער וואָס מעהרער און גיכער.
מען קרוינט מיינע זיטען,
מען בענטשט מיינע חכמות —
נאָר מיט מיין לעבען — בין איך קיינמאָהל ניט זיכער!

טרעפט ווער איך בין,
טרעפט ווער איך בין!

די סצענע פערגעהט.

———oo———

אַכטע סצענע.

——oo——

(דריי טעג שפּעטער. אין דער פריה).

* * * *

סצענע: יוסף'ס קלויז. דער גרויסער עולם וועלכער איז געקומען דאַוונען האַלט זיך בּיים צו-געהן. אויף דעם פּלאַטפאָרם זיצט יוסף אין פּאָטערליכען שטוהל. ווען די דאַוונערס געהען איהם פאַרבּיי זאָגען זיי אין דער-הויך צו איהם "אַ גוטען טאָג". אַנדערע זאָגען "אַ געזונט אויף אייך, ר' יוסף", און יוסף ענטפערט זיי: "אַ געזונט אויף אייך אויך". יוסף און דוד פערבּלייבּען אין קלויז ווען אַלע געהען אַוועק. דוד'ס לינקער אויער איז פערבּונדען מיט אַ שטיקעל בּאַנדאַזש. ער געהט צום פענסטער לינקס, און קוקט אַרויס.

דוד. עס וועט היינט וואָס פּאַסירען, ר' יוסף. דער הימעל איז ווי בּעצויגען מיט אַ נייע בּלויקייט. די לופט איז פול ווי מיט גאָלדענע בּליהטען און דער זונען-שיין איז גאָלדענער ווי שטענדיג.

יוסף. פּאָעזיע, פּאָעזיע, דו אָטהעמסט מיט פּאָעזיע.

דוד. די גאַנצע וועלט זעהט היינט אוים ווי — ווי זי וועט בּאַלד אָנפאַנגען זינגען—ווי זי טראָגט אַ הימלישע בּשורה צו אונז! (קערט זיך אום מיט'ן פנים צו יוסף'ען).

יוסף. קום אַהער, דוד, זעץ דיך געבען מיר. איך האָב דיר נאָך וויכטיגעס צו זאָגען.

דוד. (לויפט כמעט). וועגען אייער בוך? (זעצט זיך נעבען יוסף'ען).

יוסף. יאָ, וועגען מיין בוך אין וועלכען איך וועל פערקערפערען מיין טהעאָריע. איך וועל אין מיין בוך דעמאָנסטרירען הונדערטע פאַקטען מיט וועלכע איך וועל בעשטעטיגען מיין טהעאָריע. אָבער צוויי פון די פאַקטען וועלען אריבער וועגען אַלע אַנדערע פאַקטען. (קוקט אין דער ווייטקייט).

דוד. (שטיל). דערצעהלט מיר די צוויי פאַקטען, טייערער יוסף, מיר זיינען דאָך יעצט אַליין.

יוסף. ווען דער בורא שיקט אַרונטער דורך די גייסטיגע אַטאָמען אַ נייעם גרויסען געדאַנק אין אַ געוויסען מענשען'ס מוח, ווערט די מענשהייט בעגליקט פון דעם נייען געדאַנק, און דער דאָזיגער נייער געדאַנק בעקומט אַ פורם. די מענשהייט מאַכט דאַן אַ שריט נעהענטער צו די גייסטיגע וועלטען, נעהענטער צו גאָט! ווייל עס קומט דאַן פאָר אַ פערבינדונג צווישען רוחניות מיט גשמיות. גשמיות אַליין איז פערניכטבאַר — רוחניות איז אייביג און אונפערניכטבאַר. דערפאַר בלייבען די טיעפע געדאַנקען, די גרויסע אידעאַלען און אידעען פון אַ מענשען אויף אייביג אין דער וועלט — אָבער ניט זייערע פורעמס — זייערע פורעמס מוז מען פון צייט-צו-צייט מאַכען נייע.

דוד. די פורעמס מוז מען מאַכען נייע . . .

יוסף. נאָך אַ פאַקט: פאַרוואָס האָט איין מענש אַ מוח ווי איינשטיין און אַ צווייטער אַ מוח ווי היטלער? זאָג איך אַז איינשטיין׳ס מוח בעשטעהט פון ניין צעהנטעל גייסטיגע אַטאָמען און היטלער׳ס מוח איז בעשטאַנען פון ניין צעהנטעל אירדישע אַטאָמען. דער ערשטער איז געבענטשט פון גאָט און איז אַ שליח פון די גייסטיגע וועלטען — דער צווייטער איז געווען פערשאָלטען פון גאָט און איז געווען אַ שליח פון די מאַטעריעלנע וועלטען.

דוד. מאַטעריעלנע וועלטען . . .

יוסף. (ווי אין חלום). איך וועל שליסען מיין בוך מיט מיין לעצטע ערקלערונג אַז — (די זון שיינט אריין). אַז די אייביגקייט איז דער אָפּשלאַג פון בורא! דער בורא איז אייביג און צייט איז אייביג! . . . און די אייביגע בעוועגונג פון די מאַטעריעלנע וועלטען ווערט פעראורזאַכט פון די אונזעבאַרע בעוועגונג פון אייביגקייט—פון דעם אָבשלאַג פון דעם בורא פון אַלע וועלטען.

דוד. (איבערראַשט). איז עס מעגליך ר׳ יוסף אַז איהר האָט ענדעקט דעם סוד פון אייביגע בעוועגונג — אייביגע בעוועגונג . . . (שטעלט זיך און געהט צום פענסטער רעכטס). וויפיעל ביליאָנען גייסטיגע אַטאָמען אַרבייטען אין אַזאַ געדאַנק? (פּויזע). ר׳ יוסף, אָט קומט אייער זוהן און אַרנאָלד.

יוסף. (ערוואַכט). גוט, גוט, זעהר אָנגענעהמע געסט. געווים קומען זיי זעהען וואָס דו מאַכסט.

(אויפטריט סימור און אַרנאָלד. זיי צעגערען צו געהן ווייטער).

יוסף. וואָס שטעהט איהר בּיים טיהר? איהר זייט דאָך ניט קיין פרעמדע. דאַכט זיך מיר האָבּען זיך שוין געכּטען איבּערגעבּעטען און אַלעס איז ווידער ווי געוועזן.

אַרנאָלד. (טהוט אַ לאַף צו יוסף'ן און שפּאַרט אָן זיין קאָפּ אויף יוסף'ס קאַרק). אָה, גרענדפּאַ, גרענדפּאַ, עם אַי רילי פאַרגיווען?

יוסף. (קלאַפּט אים צערטליך). רעד אידיש מיין אייניקעל, צווישען זיך דאַרפען מיר רעדען אידיש, און זעץ דיך. און דו, סימור, וואָרום שטעהסטו? (בּיידע זעצען זיך. דוד געהט צום פענסטער נעבּען פלאַטפאָרמע).

סימור. פאָטער, איך וויל דיר זאָגען אַז אַרנאָלד בּלאַמירט מיר פאַר די גאַנצע פּאַסירונג. ער זאָגט אַז איך האָבּ איהם ניט געגעבּען קיין אידישע ערציהאונג, אַז דער יודענטהום איז איהם גאַנץ פרעמד.

יוסף. ליידער זאָג איך דאָס זעלבּע, סימור. דו בּיזט דער טיפּ פון די קלאַס אידען וועלכע האַלטען אַז דער איינציגער מיטעל ווי פּטור צו ווערען פון דער וועלט'ס האַס געגען אידען איז אַז אידען זאָלען זיך רעפאָרמירען, אָדער נאָך בּעסער, זיי זאָלען זיך אַסימילירען. וואָס פיר אַ געפעהרליכען אירטהום אָט די קלאַס אידען מאַכען. ניט רעפאָרמאַציע און ניט אַסימילאַציע איז די רפואה צו דער קראַנקהייט אַנטיסעמיטיזם. ניין, ניט מיר, סימור — זיינען די קראַנקע — די קראַנקע זיינען דאָך די אַנטיסעמיטען, די אידען-פערפאָלגער! זיי דאַרפען אַ רפואה. מיר אידען זיינען גאָט בּרוך השם גאַנץ

געזונט, און מען קאָן זאָגען, אַפילו שטאַרק אויך— אַט האָבען מיר פערלאָרען מיליאָנען פון אונזערע פאָלקס ברידער אין דער וועלט מלחמה, מיליאָנען, און מיר די איבערגעבליבענע געהען פאָרווערטס און שטרעבען און בויען ווייטער. ניט מיר דאַרפען אַ רפואה, נאָר די גרויסע, די מעכטיגע, די צוויליזירטע פעלקער פון דער וועלט דאַרפען געפינען די רפואה צו דיזער אַנשטעקענדער קראַנקהייט.

ארנאָלד. איך פאַנג אָן צו פערשטעהן, זיידע, איך פאַנג אָן צו פערשטעהן . . . ניט מיר זיינען די קראַנקע! מיר דאַרפען בלייבען ווי מיר זיינען . . . (אויפטריט נתן).

נתן. אַ יונגער מאַן פרעגט זיך אויף אייך. ער זאָגט ער מוז אייך אונבעדינגט זעהן.

יוסף. געוויס וועגען אַ וויכטיגע זאַך אַז ער איז געקומען אַזוי פריה. וואָס איז זיין נאָמען?

נתן. ער וויל מיר ניט זאָגען. זעט אויס אַן אינטעליגענטער מענש. ער זאָגט איהר קאָנט איהם זעהר גוט.

יוסף. אויב אַזוי, שיק איהם גלייך אריין. (נתן אָב). אויפטריט הערריס מאָסס, מיט הוט אין האַנט. (ארנאָלד טרעט אין הינטערגרונט און ציהט סימור'ן מיט זיך).

יוסף. (בלייבט זיצען און קוקט איהם אָן מיט קאַלטע, שטאָלצע בליקען). איידער איהר מאַכט אַ שריט ווייטער, מר. מאָסס, טהוט אָן אייער הוט. דאָ איז אַ מקום קדוש. (מאָסס פאָלגט אים). אייער קומען

צו מיר איבעראַשט מיר ניט אַבוואהל עס ערגערט מיר צו זעהן אייך אין מיין געגענוואַרט.

מאַסס. (טרעט נעהענטער). מר. מאַמין, איך בין געקומען צו אייך אַנטשולדיגען מיט די ערפאַרונגען פון מענשליכע טראַגעדיעס.

יוסף. וועגען דעם בין איך גאַרניט אין ספק.

מאַסס. טו בעפרייט מיר פון איינע פון זיי. (קומט נאַהענט און שטרעקט אויס זיין האַנט). עמפפאַנגט מיין פערשפעטיגטע ענטשולדיגונג, פערגעסט און פערצייהעט.

יוסף. (נעמט אַרויס פון בוזים-טאַש אַ קליינעם קאָנווערט) עס איז געטליך צו פערגעבען אַ זינד אָבער ניט אַ פערברעכען. (נעמט אַרויס פון קאָנווערט דוד'ס פאה). אָט די פאה איז מיט געוואַלד אָפגעשאָרען געוואָרען פון אַ יונגען דענקער און פּאָעט ביי איינעם פון אייערע "נייע דענקער".

מאַסס. (טרעט אַהינטער פערווירט). שרעקליך! מר. מאַמין, גלויבט מיר אַז איך ווייס גאַרניט פון דיזער פּאַסירונג. ווער איז דער פּאָעט און וואָס איז דער נאָמען פון דעם וואָס האָט איהם אַטאַקירט. איך וועל איהם זאָגלייך בעשטראָפען.

(אַרנאָלד און סימור פערלאָזען שטיל די קלויז).

יוסף. די אַנטוואָרטען צו אייערע פראַגען וועט דאָך ניט פערקלענערען די גרויזאַמקייט פון דיזען טהאַט. בעשטראָפען דאַרף מען די לעהרע און די לעהרער וועלכע פיהרען צו אַזעלכע טהאַטען — זיי דאַרף

מען פערניכטען. (לעגט אריין דעם קאָנווערט צוריק אין בוזים).

מאַסס. (קוקט זיך אום). ווי שטיל דאָ איז. מען פיהלט דאָ זאָגאר ניט די ציטעררונג פון דאָס לעבען. די טויט־קייט פון אַלטערטהום רוהט דאָ אין יעדען ווינקעל.

יוסף. דער אַלטערטהום ענטהאַלט דאָך דעם אָנפאַנג פון דער וועלט. וואָס וואָלט די מענשהייט ניט אוועק־געגעבען צו דערגעהן דעם אָנפאַנג פון די שעפּפונג!

מאַסס. און וואָס זאָגט איהר וועגען די ליידען פון דער מענשהייט? וואָס איז דער צוועק פון דעם ליידען? עס איז ניטאָ קיין צוועק! בלייבט עס פאַר מיר מענש צו פערניכטען די ליידען און אַליין בעשאַפען מיינע גליקען.

יוסף. (מיסטעריעז). עס איז פאַראַן אַ צוועק. די מענשהייט איז נאָך ניט רייף גענוג צו בעגרייפען דעם צוועק. זי מוז נאָך וואַרטען, לאַנג וואַרטען . . .

מאַסס. איך טאַלעריר אייער ערקלערונג, אָבער איך נעהם עס ניט אָן. דאָס לעבען שפּילט זיך מיט דעם מענשען אַזוי ווי מיט אַ פּילקע און שליידערט איהם אום הונדערט מאָהל דורך זיין לעבענס־לויף.

יוסף. (אין זעלבען טאָן). אַט טאַקע אין דעם שליידער, מענש, ליעגט דער סוד. פאַלען, זיך אויפהויבען, און געהן ווייטער! פאַלען, זיך אויפהויבען און געהן נאָך ווייטער און פאָרווערטס, ביז וואָן דו מענש וועסט קומען פנים אל פנים מיט דעם צוועק וואָס גאָט האָט פאַר דיר בעשטימט!

מאַסס. איך בין אייך מקנא אייער צופרידענהייט, אייער גלויבען, אייערע פאַלשע האָפנונגען. אַלזאָ, איך מוז שוין געהן. איך בעט נאָכאמאָל אייער פער־צייהאונג ווי אויך די פערצייהאונג פון דעם יונגען מאַן וועלכער איז אַנגעגריפען געוואָרען פון אונזערען אַ מיטגליד. עס טהוט מיר לייד וואָס איך קאָן דעם יונגען מאַן ניט בעגעגענען.

יוסף. גראַדע קאָנט איהר דעם יונגען מאַן יאָ בעגעגענען. (צו דוד׳ן). דוד, זיי אַזוי גוט, קום אהער. (געהט אַרונטער פון פלאַטפאָרם).

(דוד נעהערט זיך, בלייבט שטעהן נעבען יוסף׳ן מיטען רעכטען זייט).

מאַסס. איך האָב גאַרניט בעמערקט אַז נאָך אימעצער איז דאָ פאַראַן.

יוסף. דוד, איך וועל דיר פאַרשטעלען אונזער גאַסט — מר. הערריס מאַסס.

דוד. אַה! (פיינליכע פויזע פאָלגט. דוד׳ס ערשיינונג ווירקט שטאַרק אויף מאַסס׳ן).

מאַסס. וואָס פיר אַ טיעפע פערטראַכטונג עס רוהט אויף אייער געזיכט.

יוסף. דאָס קומט פון קלערען טאָג און נאַכט וועגען גאָט.

מאַסס. אין אייערע אויגען ליגט אַ וועלט פון חלומות.

יוסף. וואָס טיעפער דער דענקער אַלץ גרעסער דער בעל־חלום.

מאַסס. (נעהערט זיך). אַזוי יונג, און איהר האָט זיך שוין אויסגעשלאָסען פון דער וועלט. וואָס קאָנט איהר

דערגרייכען אין די ענגע פינסטערנים פון דיזען פלאַץ.

יוסף. די גאַנצע וועלט איז איינגעשלאָסען אין איהם, מר. מאַסס, ווי עס איז אין יעדען גרויסען מענשען. פאַר אייך שטעהט א תלמיד חכם און א בעגאַבטער פּאָעט.

דוד. (קערט זיך אום מיט'ן לינקען זייט צו מאַסס'ן). איך בעט אייך, ר' יוסף, ריהמט מיר ניט אין מיין געגענוואַרט.

מאַסס. (בעמערקט דוד'ס קליינעם באַנדאַזש). מר. מאַמין, איז דאָס דער מאַן וועלכען —

יוסף. מייקעל גאָלדמאַן האָט אַטאַקירט.

מאַסס. מייקעל גאָלדמאַן, מייקעל גאָלדמאַן? (נעהערט זיך צו דוד'ן).

דוד. (טרעט אַהינטער). ריהרט מיך ניט אָן. איך בעט ניט קיין מחילה — און איך זוך ניט קיין נקמה.

מאַסס. איין וואָרט — —

יוסף. ניין, געהט אַוועק פון מיר, געהט אַוועק. (מאַסס שטעהט ווי פּאַראַליזירט. יוסף'ס פינסטערע בליקען שטעכען איהם דורך).

מאַסס. וואָרום האָט מייקעל גאָלדמאַן עס געטאָהן?

יוסף. ווייל דוד האָט איהם ניט געלאָזט רויבען מיין קעסטעלע שטויב. די שטויב וואָס האָט צוריק־געהאַלטען אייערע "נייע דענקער" פון צו בעפאַלען מיר.

מאַסס. די שטויב? — אַה, יעס — — יעס — —
(אַ ראשיגער אויפטריט פון שמואל'ן נאָכגעפאָלגט פון סימור און אַרנאָלד. אַלע דריי זיינען צוטראָגען).

שמואל. (זיין מאַנטעל האַלב אָנגעטאָהן). ר' יוסף! — הערט די וואונדערבאַרע נייעס — — (דערקענט מאַסס'ן). ווער איז דאָס? מר. מאַסס? דאָ, ביי אונז אין קלויז? . . .

יוסף. דערצעהלט, ר' שמואל, דערצעהלט אונז די וויכטיגע נייעס.

(אויפטרים נתן און בערעל. בלייבען שטעהן אין טיהר).

שמואל. יאָ, די נייעס — אונזער שונא יאַפּאַן וועט זיך באַלד אונטערגעבען —

אַלע. אונטערגעבען!

שמואל. ווייל אַמעריקא האָט איהר היינט אַטאַקירט מיט אַן אַטאָמישע באָמבע ! !

אַלע. אַן אַטאָמישע באָמבע !

יוסף. די אַטאָמישע באָמבע — די גרעסטע ערפינדונג אין דער וועלט-געשיכטע. אַ וועלט מיט גייסטיגע אַטאָמען אין פורם, און אויך דער אָנפאַנג פון די אַטאָמען-פעריאָדע אין דער וועלט.

דוד. (ענטציקט). ר' יוסף, זעהט איהר ניט די פערבינדונג פון היינטיגע פאַסירונג מיט אייער טהעאָריע פון די גייסטיגע אַטאָמען. היינט, דעם 18-טען יולי, יאָהר 1945, איז די אַטאָמישע באָמבע אריין אין

קראפט — און ווער האָט דיזען וואונדער ענדעקט? ווער האָט עס געבראַכט צו טהעטיגקייט? מענשליכע גדאנקען וועלכע בעשטעהען פון גייסטיגע אַטאָמען!

מאַסס. גייסטיגע אַטאָמען? וועלכער איינפאַל! וואָס פיר אַ פּרעכטיגע פאַנטאַזיע!

שמואל. דוד איז גערעכט. יעצט איז די צייט ר׳ יוסף צו ענטפּלעקען פאַר דער וועלט די פערבינדונג פון די מאַטעריעלע אַטאָמען מיט די גייסטיגע אַטאָמען.

יוסף. (ווי היפּנאָטעזירט). יאַ, יעצט איז די צייט . . . די אַטאָמישע באָמבע איז הוילע גשמיות . . . די אויסטראַכטונג פון די אַטאָמישע באָמבע איז הוילע רוחניות. די פאָלגען, די רעזולטאַטען פון דיזער פערבינדונג ליגט בעהאַלטען אין דער צו־קונפט. (ערשיינט אין מיטען ביהנע). אָבער הערט נאָך ווייטער. ווי איך האָב שוין דערקלערט שטראָמען די גייסטיגע אַטאָמען פון דעם בורא׳ס גייסטיגע וועלטען, שטראָמען אין דעם פורם פון טויזענדער קוואַלען, הענגענדיגע קוואַלען אין די סודות׳דיגע ווייטקייטען. די שפּארעס וועלכע האַלטען אויף די קוואַלען פון די גייסטיגע אַטאָמען, בעשטעהען פון זונען, פון ליכט!

אַלע. (אונטער יוסף׳ס איינפלוס). פון ליכט.

יוסף. אויך איבער אונזער וועלט הענגט אַ קוואַל פון גייסטיגע אַטאָמען וואָס ווערט אונטערגעהאַלטען פון דער זון וואָס בעלייכט אונזער פּלאַנעט. (עס

דונקעלט). דורך די ליכט־שטראַהלען פון דער זוהן דערגרייכען אונז די גייסטיגע אָטאָמען, די נייע געדאַנקען און אידעאַלען. (עס ווערט סטאָק פינסטער. אין אַ טיף־בלויען הינטערגרונט געהט לאַנגזאַם אויף די זון. ער קערט זיך אום צום לופט־בילד). זעהט, דאָרט העגגט דער שטראָם פון די גייסטיגע אָטאָמען וועלכער פערפלייצט אונזער וועלט מיט אויפקלערונגען, מיט בעגרייפונגען וועגען גאָט׳ס מעשים. (די זון געהט אויף אין איהר פולען פראַכט). זעהט ווי אויף די כוואַליעס פון גייסטיגען שטראָם גליהען די ווערטער פון אלקים! שטראָמען די אותיות פון אונזער תורה, נבאים וכתובים! — — — — —

(אויף דער פלעכע פון דער זון בעווייזט זיך די תורה און וויקעלט זיך פערנאַנדער פון זיך אַליין אַזוי דאָס זי פערדעקט כמעט די גאַנצע זון. די אותיות שפרינגען אַרויס פון דער תורה און פערזינקען אין דעם רוים. דונערען און בליצען געמישט מיט מענשליכע שטימען צוטראָגען זיך איבערן ביהנע). די תורה איז די קרוין פון די גייסטיגע אָטאָמען — — די תורה איז די קרוין פון די גייסטיגע אָטאָמען! . . . .

—oo—

שלום־פאָהראַנג פאַלט לאַנגזאַם.

COPYRIGHT, 1946

— BY —

ISAAC GREENBLAT

——oo——

No part of this play may be presented in any form, without permission in writing from the Publisher, except by a reviewer who wishes to quote extracts in connection with a review written for a newspaper or a magazine.

PLAYS BY

BERTHA WIERNIK

* * * *

THE AKARAH

THE CONVERTED LAWYER

THE DIVINE COMPROMISE (Kessler's Theatre)

THE ETERNAL ACCUSATION. (Irving Theatre)

MRS. PEDDLER (Benefit show for the Red Cross)

MONIS (Hecksher Theatre)

NOMEK

NOT YET, Etc., Etc.

FIRSCHEIN PRESS
965 MYRTLE AVENUE
BROOKLYN 6, N. Y.

Spiritual Atoms

A RELIGIOUS DRAMA

in Eight Scenes

By

Bertha Wiernik

* * *

SECOND EDITION

PRICE 50 Cents

Address Your Order To
ISAAC GREENBLATT
P. O. BOX No. STATION B
NEW YORK 2, N. Y.

1946